... דר. חיים שאַשקעס איוף זיין דורכרייזע קיין ישראל און קיין דרום־אפריקא, ווי דער שליח פון יור״א, וועט פערוויילן אייניקע טעג אין לאָנדאָן. עס ווערט צוגעגרייט אַן אַ קבלת פנים לכבוד דעם חשובן גאַסט.

איוף דער אַקאַדעמיע לכבוד, דער 40־טער יאָרצייט פון דער באָראָכאָוו, איינגעאָרדנט פון דער נאָרד־וועסט פועלי ציון, האָבן גערעדט : יהושע פּאָדראָ, דר. יעקב מייטליס און יצחק יעזיערסקי. פּאָרזיץ : ל. הירש.



## סעמינאַר פאַר יידישע קולטור און וויסן
## ביי פריינט פון יידיש לשון

מיטוואָך 19.2

אהרן ראָלין : די עקאָנאָמישע באַזע פון יידן אין ענגלאַנד. 2־טע לעקציע

מיטוואָך 26.2

י. ריכטיקער : דאָס קולטור היסטאָרישע און געשיכלעכע אין תנ״ך.

3־טע לעקציע

מיטוואָך 12.3

שלמה אויערבאַך : עפּיק און ליריק אין תנ״ך. 3־טע לעקציע



אונזער טיפן מיטלייד מיט אונזער פריינט **הערש לייב קאופמאַן** צום טויט פון זיין ליבע פרוי **אסתר** ע.ה.

**פריינט פון יידיש לשון**



אונזער טיפן מיטלייד מיט פריינט **ל. אלמאַן**, פון מאַנשעסטער, צום פאַרלוסט פון זיין ליבע פרוי, **הינדע** ע.ה.

**פריינט פון יידיש לשון און לשון און לעבן**



**„די אידישע שטימע״**

די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804.



**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**


200

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור


נומער 3־4 (העפט 318־9) ניינצנטער יאָרגאַנג מערץ־אַפּריל 1958 לאָנדאָן



רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


## אינהאַלט :


חג העשור געזאַנג, דעם פּרעמיער פון ישראל דוד בן גוריון צום שנת העשור, „כימי צאתך מארץ מצרים״, צען יאָר מדינת ישראל ....... ** 1

דער באַשעפער (ליד צום 19־טן אַפּריל) ....... אברהם פנחס ציקערט 7

לייד אין גאולה (עסיי) ....... דר. יעקב י. מייטליס 8

מרור זה (ליד) ....... יוסף הלל לעווי 11

טוביה שרייבט צו שלום עליכם (פסח־הומאָרעסקע) ....... א. מייזעלס 12

פסח־צייט (דערמאָנונג־וואַריאַציעס) און צייט לידער ....... א. נ. שטענצל 16

צוויי פסח־מאָט־ון (סקיצן) ....... רחל מירסקי 20

באַלאַדע פון צוויי בריוו (ליד) ....... ברכה קאָפּשטיין 22

איין ציקעלע פאַר צוויי גילדוין (דערציילונג, המשך) ....... וואָלף מאַנקעוויטש 24

מיין ווונטש (ליד) ....... עלי זילבערג 30

משה שמיר און זיין „מלך בשר ודם״ (עסיי) ....... שלמה אויערבאַך 31

דער אַמבאַסאַדאָר פון העברעאישן וואָרט (צום יובל השבעים פון דניאל פּערסקי) (עסיי) י. ביאַלסקי 36

ס איז קיינמאָל נישט צו שפּעט (עס״י) ....... אליהו פּאַלושאַק 39

„יידן און די נאַציאָנאַלע פראַגע״ (רעצעזיע איבער פּראָפעסאָר לעוויס בוך) ....... ס. לעף 43

דער אינטערוויו איוף דער טעלעוויזשן צו אונזער רעוואָלוציע מכח יידיש אין מדינת ישראל ....... ש. 46

לאָנדאָנער קולטור ידיעות ....... 48

מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָג ....... 48


**פרייז 2 שילינג**


אַבאָנאָמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS, COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*

## רידינגרום אין אינסטיטוט, אדלער הויז, איסט ענד

זונטאג דעם 20־טן אפריל, פונקט 3 אזייגער

„די ווארשעווער געטא אויפשטאנד, דער 15טער יארצייט"

ארגאניזירט צוזאמען מיט „פריינט פון אידיש לשון" און די „איסט לאנדאן קולטור אפטיילונג פון אידישן וועלט קאנגרעס".

אין פראגראם מיכאל זילבערבערג׳ס „דער ניגון פון ווארשעווער געטא".

די געזאנגען אויסגעפירט פון לעאן בלומענזאן.

## פריינט פון יידיש לשון און דער „רידינג רום" א גרויס פייערונג זינטיק, לכבוד דעם חג העשור — 10 יאר מדינת-ישראל.

זינטיק, דעם 4־טן מאי 3 אַ זייגער אין אַדלער האָל     געדענקט דעם דאַטום!

## בן-אורי, 14 פארטמען סטר. וו. 1.

זונטיק, דעם 4טן מאי, 8 אַזייגער אַן אָוונט געווידמעט **אברהם רייזין**

רעציטירן, זינגען רייזינס לידער און לייענען זיינע דערציילונגען.

דער קולטור־קאמיטעט פון דער בריטימער סעקציע פון יידישן וועלט־קאנגרעס.

## לעבעדיקע צייטונג

איבער **„מלך בשר ודם"** פון **משה שמיר**

(איצט דערשינען אין ענגלישער איבערזעצונג)

זונטיג, דעם 13־טן אפריל, 1958, 3 א זייגער נאכמיטאג

אין „לאנדאן ציון הויז", 57, איטאן אוועניו, נ.וו.3.

57, Eton Avenue, Swiss Cottage, N.W.3

אונטער דער רעדאקציע פון **ש. גאלדשמידט**

אינהאלט: 1) משה שמיר — דער רעדאקטאר; 2) שמיר׳ס סטיל — שלמה אויערבאך; 3) די ענגלישע איבערזעצונג — ח. פינער; 4) קריטישע באמערקונגען — י. ריכטיגער.

איינטריט פריי.     קומט פינקטלעך.

## דער קולטור-קאמיטעט פון דער בריטישער סעקציע פון יידישן וועלט-קאנגרעס צוזאמען מיט דער גאלדערס גרין-בראנטש

איינלאַדונג צו אונזער לעבעדיקער צייטונג, אונטער דער רעדאַקציע פון א. ראַלין. 1) לייט אַרטיקל: „דער 19טער אַפּריל" — דער רעדאַקטאָר; 2) „וואָס איז איבערגעבליבן פון פוילישן יידנטום" — ק. האַניק; 3) „יידישע דענקער און דיכטער פון מזרח־אייראָפּע" — ל. ש. קרעדיטאָר; וואָס וועט פאָרקומען זונטאָג ביי טאָג, דעם 27טן אַפּריל, 1958, 3.30 פונקט, אין גאָלדערס גרין ס׳נאַגאָג האָלל, האָנסטאָן ראוד, נ.וו.וו.

## רעדאקציע נאטיץ

צווישן דעם שטייענדיק שוין אויסגעזעצטן מאַטעריאַל זיינען אויך געבליבן פאַרן קומענדיקן נומער, דער המשך פון די אַרטיקלען פון י. ריכטיקער, די מאָלער־מיניאַטורן פון ש. טענענבוים, א.א. — ד.ר.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3־4 (העפט 9־318)     ניינצנטער יאָרגאַנג     מערץ־אַפּריל 1958 לאָנדאָן



**יצחק בן־צבי**
דער נשיא פון מדינת ישראל

## חג העשור געזאנג

אַז איך שטיי דאָ מיט אַ שפּאָדעל אין האַנט,
צעגראָב אונזער ערד פאָר ברויט און פאַר פלאַנץ,
און מיט די קינדער אין אַ האָראַ־טאַנץ,
אין חג־העשור פון אַן אייגן לאַנד,
אַ קינד פון מיין לייב, מיין בלוט און מיין פלייש — — —
גאָט, עס שטייט שטיל מיין מענטשלעכער פערשטאַנד!

אַז פון גאַז־קאַמער, קרעמאַטאָריום־פלאַם
אַן אָפּגעראַטעוועטער דאָ איך שטיי,
וועט דאָך פאַרשקלאַפּטסטער ווערן אַמאָל פריי,

און צומאָל פּיטערן זיך וועט צוזאַם,
ווי אינם חזיון פונם חוזה,
דער רציחישסטער וואָלף מיט שטילסטן לאַם.

אינם פאַבל פון קרילאָוו, פון עזאָפּ
קאָן אַנדערש נישט ווערן, אַנדערש נישט זיין :
די שטאַרקייט מוז זיין שלעכט און געמיין,
אַזוי די חכמה אין חיהשן קאָפּ —
אַנדערש די לייבהאַפטיקע נביאים־רייד !
איך שפּיר זיי אין בלוט, אין יעדן טראָפּ.

זע, אַ געראַטעוועטער איך שטיי דאָ,
צוזאַם מיט די טאַנצדיקע בערג כ׳טאַנץ,
אַ שאָף אַ תמימה אָן א פעלער גאַנץ ;
הערסט דאָס געטאפּע פון אונזערע טלאָ ?
און צוזאַם מיט אונז זינגען מיט די וועלף,
דאָס שירה געזאַנג שוין : „כי גאה גאה״.

## דעם פּרעמיער פון ישראל, דוד בן-גוריון צום שנת העשור

אויב מיר וועלן ווידער אַ תנ״ך שרייבן,
ר׳וועט איינער פון די מלכים אין אים בלייבן,
און פון די גרעסטע גאָר וואָס מיר וועלן האָבן :
אַ מלוכה פון שטויב צו קענען אויפבויען,
און פון טרערן אַ הימל אויפצובלויען,
אַ באַפעלקערונג פון קברים אויסצוגראָבן —

אַ ייד פון גאַז אויוון איבערגעבליבן,
איבער ימים ווי אַ שפּענדל געטריבן,
אַ ייד וואָס געציטערט פאַר אַ גוי׳ס גענעצן,
שטייט אַן אנגעגאָרטער אין כל־כלי־זיין,
זיין שמירה־פּאַראָל : „עין תחת עין״,
און באַוואַכט פון זיין אייגן לאַנד די גרענעצן.

זע, שבעה ימים־בלוט איז ער אַריבער,
און אַצינד שטייט ער אַ שמשון הגיבור,
און זיינע שאַרף־שפּענדיקע שווארצע אויגן,
געשליפן געשפּיצט גליווערט שפּריץ פון טרערן,
אין ציל־פּונקט אָפּגעפלויגן צו ווערן,
פיילן פון אַ שטייף־געשפּאַנטן פיילנבויגן.



אָבער צי קען דען אַ הייליק בוך ווערן,
נביאיש וואָרט דערפון נישט אַרויסצוהערן ?
ס׳מוזן זיין נביאים דעם אמת צו זאָגן !
יאָ, ירבעם בן נבטן אפילו — —
דוד המלך׳ס האַרץ האַרפּט הויך אַ תפילה,
האָפערדיק וואָרט איבער גאָרער וועלט צו טראָגן —
— — — — — — — — — — — — — — — —
אויב מיר וועלן ווידער אַ תנ״ך שרייבן — —
גאָט, אַלץ, בלויז נישט מער אין גלות פאַרטרייבן,
ווי גרויס אַ ירמיה זאָל עס נישט באַקלאָגן.

## „כימי צאתך מארץ מצרים״

(צייט־גראַמען לכבוד פסח 1958)

פאַר די טויערן פון דער וועלט,
שטייען שומרים אַוועקגעשטעלט,
די עגיפּטישע פּיראַמידן ;
פאַרשטיינערט אַיעדער פון זיי שטייט,
שמייכלט אין זיך אַריין, און גרייט
עבדות־קייט אייביק צו שמידן.

צו באַפרייען פאַרשקלאַווטסטן קנעכט,
דער נידריקסטער קריגן זיין רעכט,
פאַר מענטש צו געפינען דעם פרידן,
איבער דער גאָרער ערד פאַרשפּרייט —
סימן פון יושר און פרייהייט
זיינען עס נאָך אַלץ — מיר יידן !

„יאָ, עס האָט די וועלט צעטיילט ווער,
אויב נישט אין עבד און הער —
אין העלדן און אין אינוואַלידן !״
פון אויבן אַראָפּ, שלאַנק, און בלייך,
קוקן אין די אויגן אַריין גלייך,
טרויעריקע קאַרעאַטידן —

זע, נישט דערגרייכן ער קען מער !
פון עק וועלט צוריק דאָ אַהער,
ציט פון זיין גאַנג, לאַנגען און מידן,
פאַר׳צער׳ט געהעצטער לעצטער ייד,
און קרישלדיקער פּיראַמיד
טוט די עבדות־קייט ווייטער שמידן.

אַ ליבשאַפט וואָס ציט זיך דורך טויזנט און איין נאַכט פינסטערנישן, וואָס ווערט געפירט אויף די געפערלעכסטע וועגן און אומוועגן, מיט בלחש־געפליסטער, אז אן אויער זאָל נישט דערהערן, אַז קיין שום בליק זאָל נישט דערזען, און מיט מזל און בשעה מצלחת, עס ווערט אַ שידוך אויסגעפירט פון אָט דער סודותדיק און אין געהיים געפירטער ליבע, זיינען די עקסיסטענץ־שווערקייט, די שטרויכלונגען און די נישט פאַראויס געזעגנע לעבנס־געפאַרן, וואָס באַווייזן זיך נאָך דער „גאָלדענער יויך״, נאָך די שבעת־ימי־משתה און האָניק־חודש אַ סך געפערלעכער, ווי ביי אַ פּראַקטיש אויסגעפירטן שידוך מיט אַ שדכן און נדן און מיט א צוגעגרייטער בעל־ביתישקייט כפי המדובר; עס איז פאַראַן אַ גרעסער שאַנס אַז צווישן אַזאַ אויף טויט און לעבן פאַרליבט פּאָרל, זאָל די קאַלטע, נישט צוגעגרייטע פּראַקטישע עקסיסטענץ, דער לאַנג אויסגעחלומטער ליבעס יום טוב פערוואַנדלט ווערן אין דער וואָכעדיקייט פונם טאָג־טעגלעכן לעבן — אין אַ קאַץ און מייז־שפּיל.

די ליבשאַפט פון עם ישראל מיט ארץ־ישראל! וואָסער ליבע ווערטער, געהיימע און בלחש־פליסטערנדיקע זיינען געשאַפן געוואָרן אין דעם צוויי טויזנט יאָריקן פינסטערן גלות — דער גאַנצער תלמוד בבלי איז דאָך איין גרויסער ליבע ראָמאַן! און דער ירושלמי, די מדרשים, די ילקוטים — די גרויסע ליבעס־לידער זאַמלונגען! און ווי האָבן מיר זיי אויסגעזונגען מיט טויזנט און איין ניגון; דאָס האַרץ איז דאָך ממש אויסגעגאַנגען אונטערברומענדיק, אָדער בלויז הערנדיק די זיס־פאַרבענקטע מעלאָדיעס; מיט סודות־געהיימע ווערטער אין אויער אַריין וועם פליסטערנדיק, מיט בילדער־ווערטער פאַרשטעלטע, אין כלה־שלייערן געהילטע: „ביצה שנולדה ביום טוב״, „שור שנגח את הפרה״, און די גוזמאות פון רבא בר חנא זיינען האַנט־קושן אַזעלכע אויף מעשה מרכבה־קאָטש אָפּגעפּלויגענע.

און אַז רבי יהודה הלוי׳ן האָט זיך אין האַלב־חלום פון געוואַגטן פערז שוין אַרויסגעכאַפּט דער „לבי במזרח״, ווי איז דער זוהר דערנאָך געקומען און די סודותדיקע ליבשאַפט אין מסתרים, אין רבי שמעון־יוחאי־היילן — איינגעהילט אין אַ טלית שכולו תכלת, ירושלים־של־מעלהדיק און שכינתא בגלותאדיק.

צוויי טויזנט יאָר האָט אַ פאָלק פאַרגעסן זיינע פערזענלעכע גופניותדיקע ליידענשאַפטן, חושימדיק זיך מתיחד צו זיין מיט יעדן געהייליקטן שטויבעלע ערד פון ארץ־ישראל; יעדער פלאַץ, יעדער גרעזל, יעדעס שטעטל איינגעבאַקן אין האַרץ ווי אַ שטיק דערפון. דאָרטן איז אברהם אבינו געזעסן אין באר שבע אונטער א בוים אין אלוני ממרא; דאָ איז דער הר המוריה און דאָ איז בית־אל, און אָט שטייט די מאַמע רחל אינמיטן וועג — — — אַ יידיש קינד האָט נאָר געברויכט צוצומאַכן די אויגן און פאַר זיין בליק שטייט די מערת המכפלה, רחלס קבר און פון זיינע אויגן גיסן טרערן אויף דער כותל־מערבי — —

און דאָ, אין אונזערע טעג איז געשען וואָס ס׳איז געשען, וואָס עס האָט געמוזט געשען. פאַר אונזערע אויגן זיינען די ווערטער פון נביאים מקוים



געוואָרן; בלוט און פלייש האָבן זיי באַקומען — ווי מוראדיק זייערע תוכחה־רייד און ווי וואונדערלעך זייער בשורה־טרייסט!

שטייט ער אַצינד דער „עולה מן המדבר״, דער אויפגעגאַנגענער אין קרעמאַטאָריום־רויך, אַ „אַ באַרייכערטער מיט מירע און ווייררויך״, נאָך צוויי טויזנט יאָר אין פינסטערסטן גלות; שטייט ישראל אַצינד „תחת גפנו וזיתו״, אין איין האַנט די שווערד אין דער צווייטער דאָס אַקער־אייזן — גאָט האָט אונז שיער פאַרלאָזן, ווייזן מיר אים אַצינד די וואונדערלעכסטע נסים!

אַן אויסגעשולטער יידישער חייל, אַ סאָציאַל עקאָנאָמישער אַפּאַראַט, אַ מלוכה־מאַשין וואָס אירע רעדער דרייען זיך אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט, נישט נאָר צווישן די אַראַבישע אומציוויליזירטע פעלקער וונדער צו באַווייזן, נאָר אפילו די אייראָפּעאישע, אַמעריקאַנישע פעלקער מוזן באַוואונדערן.

דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן, דער זיווג איז עולה יפה געווען, אַז אפילו די אַסימילירטסטע יידישע קהילה, — פון דער גרעסטער שטאָט אין אַמעריקע ביז קליינסטן שטעטל אין אויסטראַליע און אפריקע! — האָבן געמוזט מסכים זיין און זאָגן: „יאָ״! און דער נדן איז צוזאַם־געשטעלט געוואָרן, די ווייטסטע קרובים האָבן זיך באַטייליקט דערין, דרשה געשאַנק זיינען געפאַלן פולע טעלער און די כתיבה, מנכסי צואן ברזל, ווערט געליינט אין אַלע שולן

אָ, די 10 יאָר צוזאַמען לעבן צווישן דעם פאַרליבטן פּאָרל! די טויזנט שטרויכלונגען אין דעם טאָג־טעגלעכן גערעַנגל פאַרן שטיקעלע געזיכערטן עקסיסטענץ!! וויפיל פאַרביטערניש, וויפיל האַרץ־ווייטאָג: ווו איז דער לאַנג געחלומטער מאַמע רחל קבר, די פאַנטאַזטישע מערת המכפלה, די אין די פינסטערע נעכט אויסגעוויינטע כותל מערבי? די אַלע אין האַרצן הייליק געטראָגענע ווערטער? אויסגעבלאָזן די גרויסע ליבע ווערטער — — — און דאָס אין איין אָטעם פאַרכאַפּנדיקע וואָרט „ירושלים־של־מעלה״ ווי עפּעס אַ פאַרביקער באַלאָן, אַן אָפּגעריסענער פונם שנירל, עס פליט אַלץ העכער און העכער פאַרשווינדנדיק פון די אויגן — — —

מיר האָבן דערגרייכט דאָס 10׳טע יאָר, דעם שנת העשור! קינדס קינדער צודערציילן, דאָס וואונדערלעכע און מסירת־נפשדיקע פון אַזעלכע ניסימדיקע יאָרן. אָבער דאָס 10׳טע יאָר פון אַ יונג בעל־ביתלדיק צוזאַמענלעבן איז דאָס געפערלעכסטע אין זייער עקסיסטענץ. אין צענטן יאָר דערוואַרטעט מען שוין זרע של קימה — אין 10טן יאָר מישן זיך שוין אַריין אין פּראַקטישן שווערן לעבן רעליגעזע טענדענצן! אָ, און וואָס מען קאָן אַלץ נישט באַהאַלטן אונטער אָט דעם טונקלען מאַנטל — גערעַנגל פון גאָט און שטן אין יעדן פינסטערן פאַלד!

„יאָ, אַז די ליבע איז געווען האָבן מיר געשלאָפן אויף אַ שאַרף פון אַ שווערד״! אָ אפילו אין פינסטערסטן גלות, אין ריינעם קלאַנג פונם נישט אָפּגעטוישטן הענדל, האָט אַ ירושלים של מעלה זיך געשפיגלט אין אונזערע טרערנדיקע בליקן — — שווערדן־און שקלים־קלאַנג איינס פאַרקלינגן דאָס צווייטע ביז באַרוישט צו ווערן!

ס׳איז דער אייביקער געראַנגל פונם פראַקטישן מלכותא־דארעא מיט פאַנ־טאַזטישן מלכותא־דרקיע. דער העראָאישער קאַמף צווישן מלך און נביא — פונם ערשטן קעניג שאול ביזן קומענדיקן מלך המשיח. און אין אַלע צייטן איז דער סימן מובהק פונם פאַלטשן משיח דער „ונהיה ככל הגוים בית ישראל“.

דאָס מאָמענטאַל פראַקטישע, לעבנס־נויטיקע האָט אויסגעלאָשן דעם מאָ־נומענטאַלן אייביקן חלום! געשטרויכלט אין אַן אבן־נגף איז די יידישע נשמה געפאַלן און זיך געבויגן פאַרן גופניותדיקן, פאַרמוטשעט, פאַרמאַטערט פון שווערקייטן איז זי פארחושט געוואָרן פאַרן חושימדיקן. דאָס מיסטישסטע איז פאַרמיסטיקט געוואָרן. אַז מ׳איז קאַפּאַבל יעדע פאָרעם אָנצונעמען, אויפן חשבון פון דער אייגענער, פאַרלירט מען קודם דעם אייגענעם הדרת־פנים.

באמת אויב די זרע של קימה פון פאָלק ישראל וועט נישט ווערן גייסטיק לייבהאַפטיק, אויב מיר וועלן חלילה פאַרלירן אונזער יצירה־צורה, זיינען מיר נאָך אַצינד אין נישט קיין קלענערע געפארן ווי אין אַלע נישט געלונגענע יידישע באַפרייאונגען: פינקט ווי עמאַנציפּאַציע קאָן געפינען איר לייזונג אין אַסימילאַציע, קאָן יידישער נאַציאָנאַליזם — דער אויסדרוק פון אונזער עפּאָכע! — אויך געפינען זיין לייזונג; אויב עס האַנדלט זיך אין ונהיה ככל הגוים, — צו פאַרלירן די יידישע נשמה! — איז עס זייער אַ לייכטע זאַך.

ביי די גליקליכסטע אָביעקטיווע באַדינגונגען, ביי די גינסטיקסטע דער־גרייכונגען, אויב מיר פאַרלירן, חלילה, דעם אינערלעכן אייגענעם חלום, וועט בלייבן פון גרויסן יידישן וועלט פאָלק. פונם עם־ישראל, און פונם הייליקן ארץ־ישראל, אַ לענדל ישראל באַוואַכט צווישן ענגע גרענעצן, און אַ גרויסער עם־הארץ, אין דער דיאַספּאָרע...

° ° °

10 יאָר יידישע מלוכה! אין דעם יאָר הייבט זיך אָן צו כפלען דער מספר וואָס ציט זיך אין אומענדלעכקייט: הונדערטער, טויזנטער — 10, 100, 1000! און צו איז דער וואונדער, — די אתחלתא דגאולה פון אַ פאָלק אזוי שפלדיק דערנידריקט און בלוטיק דערדריקט, ממש אויף אַש פאַרברענט צעמאָלן און אין לופט צעבלאָזן! — נישט דאָס גרעסטע נביאישע עדות זאָגן, אז דער בית ישראל וועט זיין דער „נס לגוים“?

איבער 3000 יאָר גייט ער אָן שוין דער געראַנגעל! און נישט ווייניקער אין די קנאַפּע 2000 גלות ווי אין די אַמאָליקע קנאַפּע 1000 יאָר אין ישראל. און נישט נאָר אין אונזערע הייליקע ספרים, נאָר אויך אין אונזער מאָדערנער וועלטלעכער ליטעראַטור, העברעאישע און יידישע ביכער, ווי גרויס און ווי הייליק איז דער געראַנגל ארויס.

און נאָך אַזאַ בענקענדיקע און ראַנגלדיקע דערפאַרונג, אז מיר האָבן אים ווידער אויפגענומען פּראַקטיש־רעאַל, דעם קאַמף; געהאַט דעם כוח לייב־האַפטיק אים אויפצונעמען, מיט אַלע שטרייכלען און אים אויסהאַלטן שוין דאָס 10׳טע יאָר, איז דען דאָס אליין נישט שוין דער בעסטער סימן, אז די יידישע מדינה איז אַ דבר של קימה? „דוד מלך ישראל חי וקים!“



אברהם פנחס ציקערט (אויסטראליע)

## דער באשעפער

אין פלאם רויטע צונגען, דער תהום רעדט צו געטער,
די נאכט האט אין אימה צעגריזשעט די קייטן;
א טאג ליגט געשאכטן אין גאסן פון געטא
און ס׳שפילן קלעזמארים אויף בראנדיקע פלייטן:
אַ־יי־כ־ה באשעפער?

האט ס׳שייטל פון מאמען געברענט ביז צום שארבן
מיט וועלפישע ציינער געפרעסן איר זינען,
האט זי נאך צוויי ליכטלעך געצונען צום שטארבן,
געשיידט זיך פון וועלט דורך איר מאמישער תחינה:
דו האסט פארראטן...

האט ברודער דעם שטיינברוך פון גאסן צעגלידערט,
צעשפריצט ר׳האט זיין גוף ווי דאס זון־ליכט אויף וועגן;
אויף דריי־טרעפ פון פייער אין תהומען גענידערט,
דערהויבן דאס געטא ביז הויכן צום פרעגן:
אַ־יי־כ־ה באשעפער?

ביים שוועל פון בית־מדרש איז טאטע געשטארבן,
א בליץ האט אין נאכט אים צו קבורה געטראגן.
ארויף ר׳ איז אין הימל אויף שטאפלען פון חורבן,
געשטעלט זיך ביי שערי הדין אנצוקלאגן:
דו האסט פארראטן...

איז שוועסטער מיט פלאשן אין האנט ווי גראנאטן
געלאפן אויף טאנקן אין ארעמס פון שרפים.
אין אפשפריץ פון לעבן ארויף ז׳ איז צום טאטן,
געזוכט אין גיהנם ארום און גערופן:
אַ־יי־כ־ה באשעפער?...

נאר ער... האט פון אלע באהאלטן זיין פנים,
מיט פערדישער בייטש זיי צום אומקום געטריבן.
ברענט איצט אויף זיין שטערן דעם מערדערס סמנים,
אין תפילין של ראש ביי אים איז פארשריבן:
דו האסט פארראטן...

## דר. יעקב. י. מייטליס

# לייד און גאולה

אל תקרי חרות אלא חירות . . , (עירובין, נ״ד, א׳).

פאר דעם גאנצן וועלט־באנעם פון יידישן פאלק איז כאראקטעריסטיש ביז גאר, וואס ביי זיין סאמע אנהויב שטייט אויסגעקריצט מיט פייערדיקע אותיות דאס ווארט : פרייהייט, חירות. מיט פרייהייט הויבט זיך אן די יידישע געשיכטע און מיט פרייהייט ענדיקט זי זיך אין דעם וויטן אחרית הימים, ווען דער קרייז פון מענטשלעכער געשיכטע וועט זיך שליסן. אבער גאולה קען קיינמאל נישט געמאלט זיין אן יסורים און לייד. גיין טאקע בײדע, סיי ענוים און גאולה אדורך ווי א רויטער פאדים דורך דער יידישער געשיכטע פון דעם סאמע באגינען ביזן היינטיקן טאג. זיי זענען, וואלט איך געזאגט, מיט אנאנדער דיאלעקטיש פארבונדן. כדי די באפרייונג זאל וואס בולטער ארויסקומען, אלץ שווערער, אפט אלץ מוראדיקער מוזן זיין די איבערלעבענישן פון יסורים און פיין, וואס פירן צו גאולה. ליידן רייניקן, דערהייבן, זיי עפענען דעם וועג צו דערלייזונג. די אנטיטעזע פון ליידן איז טאקע גאולה אין איר גאנצער שלמות.

אזוי גייט אויך דער יידישער געשיכט־פילאסאפישער געדאנק : גאט האט אויסדערווילט יידן אלס זיין פאלק, כדי זיי זאלן זיין פריי אים צו דינען, גיין בדרך הישר און ארויסטראגן דעם געדאנק פון געטלעכער, אבסאלוטער גערעכטיקייט אין די וועלט. עס איז נישט סתם אן ענגער, גאוהדיקער, נאציאנאליסטישער אתה־בחרתנו, נאר להיפוך אן אויסדערוויילטקייט, וואס טראגט אין זיך א געוואלטיקע מאראלישע אחריות, וואס איז אויף דער איינער זייט פארבונדן מיט דערלייזונג און גדולה, אבער אויף דער אנדער זייט מיט שפלות און צער. אויב איר ווילט, איז דער ייד־יחוס גארנישט קיין אזא געהויבענער. אמת, מיר זענען טאקע קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, אבער אונדזער אייגענטלעכע געשיכטע אלס א פאלק, אונדזער נאציאנאלע געשיכטע הויבט זיך דאך ערשט טאקע אן מיטן אקט פון יציאת מצרים, מיט דער אויסלייזונג פון דער מצרישער קנעכטשאפט. ביז דעמאלט זענען יידן געווען א מחנה שקלאפן, אונטערדריקטע, געפייניקטע און געבויגענע, א האמעטנע מאסע, נישט פריי צו געשטאלטיקן זייער גורל, אן א געשיכטלעכן זין און א גייסטיק־שאפערישן אינהאלט. ערשט די באפרייונג פון דער מצרישער שפלות האט פון זיי געמאכט א פאלק מיט אן אייגענעם קלסתר פנים, די טרעגער פון א גרויסן וועלט־דערלייזערישן געדאנק, וואס קולמינירט אין דעם אוניווערסאלן מלכות־שדי אידעאל. זייער האפטיקייט אלס אן אויסדערוויילט פאלק איז ערשט געקומען מיטן טאג, ווען זיי האבן פון זיך אפגעטרייסלט די קייטן פון עבדות און אויף זיך גענומען דעם נייעם גרויסן, אחריותדיקן עול, דעם עול פון חירות, פון זיין פריי. היום הזה נהיית לעם, הייסט עס אין דער תורה. ערשט פון יענעם טאג אן זענען מיר געווארן א פאלק, טאקע אינעם ביאלאגיש־קאנקרעטן, ווי אינעם מעטאפיזיש־וועלטגעשיכטלעכן זין.



פאר יידן האט געשיכטע שוין פון קדמונים געהאט א זין און אן אויפגאבע. אזוי האט דער תנ״ך, די נביאים און די געשיכט־שרייבער פון אלע דורות פארטייטשט יידישע געשיכטע. סתם אזוי זענען דאך די געשעענישן אין דער וועלט ממש נישט צו פארשטיין. איז דען אלצדינג הפקר, קען יעדער טאן וואס ער וויל, איז נישטא קיין געשיכטלעכער, בעצם סופדיקער אויסגלייך אין לעבן ? איז אלץ גאלער צופאל, בלינדער גורל, אן א זין און אן א ציל, אן א פארוואס און א פארוואן ? כדי טאקע צו באטאנען דעם טיפערן זין פון דער וועלט־ און בפרט פון דער יידישער געשיכטע, האט דער פאלק־געניוס אוועקגעשטעלט ביי זיין סאמע אנהייב לייד און יסורים, פארשקלאפונג און פיין. דער מענטש מוז ראוי זיין צו גאולה, האט מען אונדז געלערנט. דערפאר מוז ער אדורכגיין כל המיני צרות און ענוים, כדי צו זיין געלייטערט פאר דער גרויסער אויפגאבע פון קומענדיקער פרייהיט. ווי אפט האט אונדז די תורה איינגעשארפט דעם געדאנק פון „וידעתם את נפש הגר . . .״ ווייל פרעמדע, פארשקלאפטע זענען מיר געווען אין לאנד מצרים. זענען טאקע לייד און פרייהייט, שעבוד און גאולה די צוויי וויכטיקסטע קאמפאנענטן אינעם געשיכטלעכן אויסקוק פון יידישן פאלק. אן דעם הויבן מיר גארנישט אן צו פארשטיין דעם מהות פון יידישער געשיכטע, איר עבר און עתיד.

און ווי אנדערש איז בעצם דער אנהויב פון דער יידישער געשיכטע פון דער קדמון־געשיכטע פון די אומות־העולם. זייער אנהויב ליגט פארהוילן אין די נעפלן פון אן אלטן מיטאס, אין גבורים־לעגענדעס פון קאמף און נצחונות, פון גזילה, רציחה און פארראט. עס זענען מענטשן אפט מיט איבערמענטשלעכע באגערן, מיט אפגרונטיקע תאוות און ריזיקע אפעטיטן. זייער יחוס איז די נאקעטע פויסט און רויע גבורה, א הונגער נאך מאכט און א זיך יאגן נאך אויסגעלאסנקייט און הפקרות, בקצור א וועלט אן א פונק פון געטלעכקייט, אן מאראל און קדושה.

קומט אבער צוגיין דאס יידישע פאלק און מישט אויף דאס ערשטע קאפיטל פון זיין בראשית־געשיכטע, בלאזט פון דארט גאר אן אנדער ווינטל. דא הערן מיר נישט פון קיין קדמון־גבורים מיט אומגעצוימטע אפעטיטן און געפילן. אדרבא, לייד, ביטערע מענטשלעכע נסיונות און יסורים שטיין ביי זיין באגינען. מיינט דאס, אז דאס איז דער תוך, דער זעלבסט־צוועק פון דעם געשיכלעכן גאנג אינעם לעבן פון מענטש ? ניין. די וועלט איז אין די אויגן פון ייד נישט אבסאלוט טראגיש. אמת, לעבן איז שווער, אפט פול מיט נסיונות און צער, אבער נישט לחלוטין טראגיש, א שפיל פונעם פינסטערן, אכזריותדיקן גורל. דעם ייד׳ס אויסקוק אויף די וועלט איז בעצם אן אפטימיסטישער. ער האט בטחון אפילו אין די שווערסטע צייטן, ווייל ער ווייס, אז עס איז פארהאן יושר אין לעבן און א גערעכטער אויסגלייך. זענען טאקע ליידן פאר אים נישט א זעלבסט־צוועק, נאר א מיטל צו גאולה. כדי דער מענטש זאל קענען ווערן אויסגעלייזט און דערהויבן, מוז ער אדורכגיין א פראצעס פון אינעווייניקסטער לייטערונג, טאקע פון יסורים און פיין, אבער ביים סוף שטייט גאולה. דער

מענטש איז על כן נישט פארלוירן אינעם טראגישן לאבירינט פון אכזריותדיקע וועלט־געשעענישן.

הויבט זיך טאקע אָן די יידישע געשיכטע מיטן שעבוד מצרים, מיט א פרשה פון ענוים און אונטערדריקונגן, וואס מוזן אבער בעל־כרחי פירן (אזוי וויל דער גאנג פון דער געשיכטע) צו פרייהייט און גאולה. אויב דערלייזונג איז בעצם אוממעגלעך אָן יסורים, זענען אויך ליידן נישט מעגלעך, אויב זיי פירן נישט צו גאולה. דאס איז אויך דער חזון פונעם סוף, פון אחרית הימים, די צייטן פון דער גאולה שלמה. קען זי דערפאר גארנישט געמאלט זיין אָן ביטערע צרות, נויט און חורבן. איז דאך לייד א מין פאָרבאַדינג פאר גאולה. לאזט אונדז טאקע הערן דער גרויסער יידישער פילאסאָף הערמאן כהן, אז „אינעם מאָנאָטעיזם איז ליידן נאר א גליד אין דער קייט פון דערלייזונג". אבער לייד איז ביי קיין שום אופן נישט ענדציל און סוף. לויט כהנען טאר טאקע לייד נישט ווערן אָן אידעאל־בילד פונעם מענטש, אז אויב דאס וואלט געווען די געטלעכקייט גופא (אָן אנצוהערעניש אויפן קריסטענטום, וואס האט געשאפן א בילד פונעם ליידנדיקן, זיך זעלבסט מקריב זייענדיקן גאט פאר די זינד פון די מענטשן). נייך, פיין און יסורים אינעם מענטשלעכן לעבן זענען נאר א שטאפל, א מדרגה אויף דער אייביקער הימל־לייטער, וואס שטייט טאקע אין דעם ערדישן עמק־הבכא, אבער וואס פירט ארויפצו, צו אייביקע הויכקייטן, צו גאולה און שלמות פון מענטש, „לויט דעם זיך פערפעקציאָנירנדיקן באגריף פון דעם איינציקן, יחידיקן גאט" (כהן).

באנוצן זיך טאקע די שארפזיניקע חכמי התלמוד מיט א גייסטרייכן ווארט־שפיל, כדי אונדז צו דערקלערן דעם טיפערן זין און מיין פון דער יידישער גאולה. פון די לוחות דערציילט אונדז די תורה (שמות ל"ב, ט"ז), אז דאס געשריפטס אויף זיי איז געווען דאס געשריפטס פון גאט, אויסגעקריצט אויף די לוחות. מאכן זיי, די חריפותדיקע תלמוד־אינטערפּרעטאַטאָרן נאר א קליינעם קנייטש אינעם ווארט „חרות" און ענדערן יסודותדיק זיין מיין. לייען נישט חרות (אויסגעקריצט), זאגן זיי אונדז, נאר דווקא חירות (פרייהייט). בכן, פריי־הייט איז געשטאנען אנגעשריבן אין די לוחות, און באפרייונג האבן זיי געבּ־ראכט פאר דעם פאלק, וואס האט ביז דעמאלט געלעבט אין סאציאלער פארש־קלאפונג און אין גייסטיקער שפלות. נאך דורות־לאנגע פיין און קנעכטשאפט איז יעצט געקומען פאר די יוצאי מצרים א צייט פון נאציאנאלער באפרייונג און דערלייזונג. אבער באגלייך איז דאס געווען א פריקהייט, באטאָנען אונדזערע קדמונים, וואס טראגט אין זיך א גרויסע מאראלישע אחריות, א פריקהייט, וואס בינדט דורך ארהדענונג און געזעץ און צוימט די כאאָטישע כוחות פון דער מענטשלעכער געזעלשאפט.

**אויך דער היינטיקער גאולה־פראצעס שטייט אין צייכן פון מוראדיקע ליידן און שווערע קרבנות. האט דאך אונדזער דור אויסגעטראגן אויף זיינע פלייצעס די מארטיראָלאָגיע פון דעם געשענדעטן און געקרייציקטן פאלק ישראל, וואס איז יעצט ווידער אמאל אויפגעשטאנען צו תחית המתים אין זיין אייגן לאנד.**



פייערן מיר יעצט צוזאמען מיטן חג החרות פון פסח דעם גרויסן נאציאנאלן יום־טוב פון דער אנטשטייונג פון מדינת ישראל. דער וועג צו יידישער גאולה, שוין צום עצם ייד־זיין איז נישט קיין לייכטער. ער איז תמיד געווען א יסורים־דיקער, פול מיט ענוים און קרבנות. זענען נאך היינט די חבלי לידה פון דער מדינה גרויס, אבער גרויס און מעכטיק איז אויך באגלייך דער פראצעס פון אויפבוי, פון וווקס און איבערראנדערשונג, וואס ווערט געטראגן פון א געוואל־טיקן רעוואלוציאנער־נאציאנאלן פאטאס. עס איז אמתע יידישע באפרייונג, וואס האט גענומען איבערבייטן יסודותדיק דעם גאנצן סאציאלן און גייסטיקן פנים פונעם יידישן פאלק אין דער מדינה און אפשר גאר אויך איבער דער גארער וועלט. עס איז א שווערער בארג־ארויף וועג און דערוויל שטיין מיר נאך ביים אנהויב, אבער פון מתולה אין צפון ביז אילת אינעם דרום טראגט זיך א געוואלטיקער אויפברויז און א רעוואלוציאנערע דינאמיק, וואס פארכאפּט דעם אטעם און פילט אָן אונדזערע הערצער מיט א געפיל פון איינגעהאלטענעם שטאלץ און טיפער, עניוותדיקער דאנקבארקייט. נאך די מוראדיקע ליידן פון די לעצטע יארן האבן זיך געעפנט די טויערן פון גאולה.

## יוסף הלל לעווי *

### מרור זה...

מרור זה, נישט אויסגעפעלט מיר
האסטו אלע יאָרן לאנג,
פארשטעלט מיר — איבעראַל געטריי,
ווי אַ מאמע יעדן גאַנג.

האָסט אמאָל אַ גרויסע שמחה
און מיין לעבן אויפגעטאגט,
האָט מיין גורל ווי אַ מומחה
זי מיט מרור שוין פארבראַקט...

וואס מיט מיר נישט אלץ געוואָרן,
איז אין יעדן כלל און פרט, —
האָב איך נישט געדארפן שפּאָרן
מרור, כ'האב גענוג געהאט.

איז דערפאַר ביים סדר־עסן
ווען מיט גוטסקייט כ'בין באקרוינט, —
מיר דער מרור נישט דערעסן,
כ'בין צו אים שוין גוט געוואוינט...

* מיר דריקן דאָס ליד פון י. ה. לעווי צו דער דריטער יאָרצייט וואָס פאַלט אויס אין דער וואָך פון פסח. דאָס צווייטע בוך פון לעווים געזאמלטע שריפטן דערשיינט די טעג.

## א. מייזעלס

# טוביה שרייבט צו שלום עליכם

ב״ה, תל אביב, לסדר ויתן לך, שנת העשור יצ״ו.

צו מיין טייערן פריינט פאני שלום עליכם, דער גרויסער כתבא רבא, וועלכער האָט מיין נאָמען געטון אויסשפרייטן צווישן אלע גבירים און נגידים אויף דער דאטשע פון בויבעריק און אויך צווישן אלע אנדערע יידן פון גאָטס וועלטעל. זאָל זיין נאָמען זיך ווייטער גרויסן ווי ביז היינט, אָמן סלה.

ראשית קום איך אייך פאני שלום עליכם צו מעלדן, אז נאָך אלע בהלות און איבערקעריניש, איז טוביה ברוך השם ארויס מיט גאנצע שטיוול, ווי פלעגט זאָגן סיין גאָלדע־סערדצע, ווי אזוי מען וואַרפט די קאַץ, בלייבט זי אלץ שטיין אויף די פיס און פארוואָס מיינט איר איז טוביה, טוביה? וואָרים ער געדענקט אייערע גאָלדענע ווערטער, אז „דער עיקר איז בטחון". ווייל ווער אין דער וועלט, ווייסט מער פון אייך, וויפילמאָל טוביה איז שוין געווען אויפן פערדל און אונטערן פערדל? אָבער ניט דאָס איז דער עיקר, ווייל איצט קומט דער אמתער ראשית. ראשית וויל איך אייך דערמאָנען, אז איך האב ניט פארגעסן, אז אם ירצה השם היינטיקס יאָר, ווערט איר א קייליכדיקן הונדערטער! פונקט הונדערט יאָר, אז איר זייט געבוירן געוואָרן. גלויבט מיר, וואָלט איך געוואוסט אייער ריכטיגן אדרעס, וואָלט איך פערזענדליך געקומען אייך זען און אייך איבערגעגעבן גריסן פון כתריליווקער עולם, פון יעהופּעץ, אָדעס און פון אלע אייערע קליינע און גרויסע מענטשעלעך, מיט זייערע קליינע און גרויסע השגות. איך וואָלט אייך פון זיי אָפּגעגעבן די אמתע גריסן, ווי עס שטייט געשריבן „כולם יעמדו על הר גריזין", אמת טאקע ניט קיין פריילעכע גריסן, אָבער פאָרט גריסן, ווי זאָגט מען עס, — „אמאָל איז א הערינג אויך אן עוף אויף שבת, איי פאני שלום עליכם, ווען איר טוט א קוק אויף אלע אייערע שטעדטעלעך, וועלכע איר האָט אזוי ליב געהאט, איז אפילו איר, מיט אייער גוט־הארציק געלעכטערל, וואָלט געלאָזט פאלן א טרערעלע, פארשטייט זיך בגנבה, אין דער שטיל, וואָרים די טבע אייערע איז דאָך, שטענדיק אונדז צו געבן נאָר פרייד און געלעכטער, חאטש מיר האבן אמאל ביי אייך געלאכט מיט יאשטשערקעס. אבער געלאכט, מער געלאכט ווי געוויינט. איר זייט אין גאנצן געראָטן אין טוביה, א שלונג א טרער און ווייטער הוליע קבצן. איר וואָלט זיי ארײַן געזאָגט, טאקע ווי איר קענט. אייער היינטי־גער זאָג, וואָלט געווען אסאך שטארקער ווי צוריק מיט יאָרן, ווען איר האָט זיי ארײַן געזאָגט אין אייער „בלוטיקן שפּאס". וואָסזשע האָט איר אָבער געטון? נעמט איר אָן א פארוואָס און אנטלויפט פון אייערע פריינט און ווי אזוי האָט איר אליין אמאָל געזאָגט, „רוף מיך קנאקניסל..."

און איצט נאָך אמאָל ראשית. ראשית האָט איר אונדז איבער געלאָזט אין א מצב, פאני שלום עליכם, מעג זיך דער וואָס איז איבער אונדז דערבארמען. מילא טוביה קאָן זיך זיין שטעדטל אליין באשטיין און אפילו מיין פלימעניק, מנחם מענדל — אייגענטליך קאָן איך בשום אופן ניט אויסרעכנען, ווי אזוי



מנחם מענדל איז מיין פלימעניק, דערצו איז געווען מיין גאָלדע־סערדצע א מזיק — איז וויל איך אייך טאקע זאָגן, אז אפילו פאר מיין פלימעניק מנחם מענדל, איז זיך נישטו לגמרי צו זאָרגן. איר וועט דאָס מיר גאָר ניט גלויבן, נאָר דער אמת איז, אז מנחם מענדל ארבייט שוין. דאָס הייסט, אז ארבייטן ארבעט ער נאָך נישט, נאָר ער זאָגט, אז א ליאדע טאָג וועט ער זיך נעמען צי דער ארבעט. ער איז אפילו גרייט ארײַן צו גיין אין אונדזער „קיבוץ". וועט איר דאָך אוודאי וועלן וויסן וואָס איז דאס אזעלכס פאר א חיה? מוז מען דאָס אייך קלאָר מאכן, כדי איר זאָלט ניט מיינען, אז טוביה רעדט חלילה פון וועג. האָטש צוריק גערעדט, אייך באדארף מען ניט ארײַן לייגן קיין פינגער אין מויל ארײַן, ווייל איר קאָנט אים נאָך אָפּבייסן, אָבער כדי צו פאָרן מיטן גלייכן שאָסע, מיינט א קיבוץ אויף תרגום לשון „כל דכפין יתא ויאכל", דאָס איז אזא שיסל, וואָס ווער עס קומט, מעג ארײַן שטעקן דעם לעפל און מיטעסן. דאָס איז דער אמתער „בגפו יבוא בגפו יצא". איז מילא דאָס עסן יאָק דאָס עסן — זאָגט מנחם מענדל — נאָר דאָס וואָס מען מוז דאָרט ארבעטן אויך, דאָס טויג נישט. נו דרייט ער זיך דערווייל ארום און זוכט „פויגעלעך אין בוזים", פארדריסט דאָס מיך, וואָרים איר קענט מיך, אז איך האָב פיינט אָט די אלע פוסט־און־פאסניקעס, ווייל ווי זאָגן אונדזערע חכמים, „יגיע כפיך", אז דו וועסט ארבייטן מיט דיינע הענד „כי תאכל" וועסטו האָבן צו עסן...

איז זיץ איך מיר אזוי שבת בייטאָג ביי דער גרויסער שיל — ווייל אויף שבת כאפּ איך זיך ארײַן פון דעם „קיבוץ" אין תל אביב, וואָרים איך גיי ממש אויס צו הערן דעם דאָרטיקן חזן, איז ער א זאָגער, אוי זאָגט ער! היינט זיינע דריידעלעך, זיין עברי, זיינע „פירוש המידות", ער טוט א צופּלעכט אָ פסוק און מאקע אויפן אָרט טוט ער אים א גלייך אויס, ווייס איך וואָס, ווער מיר ניסי בעלזער, צלאל חזן, אפילו סיראָטע קאָן זיך מיט אים ניט פארמעסטן.

זיץ איך מיר אזוי ביי דער שיל, טענה איין מיט מנחם מנדל און פרעג אים למאי אזוי, למאי אהער, למאי אהין, און ברענג אים צו יעדער קשיה א פסוק צו א מאמר, פארשטייט זיך, אז ער בלייבט מיר ניט שולדיק, וואָרים ער האָט דאָס אמתע געשליפענע צינגעל, דער אמתער „כבד פה", א מויל אויף שרויפן, וואָסזשע, איך דארף אייך דערציילן? ער איז דאָך אייער מנחם מענדל, מער ווי מיינער. דערווייל שטעלן זיך ארום אונדז ארום, אָן עין הרע א כאָפּטע יידן, אלטע, יונגע ווי סשטייט געשריבן „בנערינו ובזקנינו נלך", האָרכן זיך איין און האָבן הנאה פון טוביהס א גמרא, אָדער סתם א גלייכווערטל. פלוצים טוט מיך איינער א פרעג — זייט איר דאָס טוביה? טוביה דער מילכיקער? זאָג איך — וואָסדען, טוביה דער פליישיקער? אויב אזוי זאָגט ער — קען איך דאָך אייך? שלום עליכם! טאקע זאָג איך? — עליכם שלום, פון וואָנען קען מען מיך? און דאָ ווייס איך ניט צו זאָל איך אים זאָגן דו, אָדער אים אירצן, עפּעס ווייזט ער מיר אויס, ניט צו יונג און ניט צו אלט. זאָגט ער מיר, אז ער איז אמאָל געזעסן אין די קאלטע לענדער אין איין „ישיבה" מיט מיין איידעם „פעפערל" און גיט מיר איבער א טייערן גרוס פון מיין טאָכטער מיטן איידעם, — מאָלט

אייך. אז אך און אז ווי, איז צון אזעלכע גריסן. דערציילט ער מיר, אַז זיי זיינען אויך אויפן וועג צון אונדז, זיי אַנטלויפן פון דער „פרייהייט", זיי האָבן זיך שוין איבערגעגעסן פון צופיל „פרייהייט", ווי זאָגט מען דאָס — אַן איבריקער ביסן קאָן אַמאָל שאַטן.

און דערווייל ווערט דער עולם גרעסער און יעדער וואַרפט אַריין אַ וואָרט און ווי זאָגט איר דאָס, פון וואָס מען זאָל ניט ריידן קומט מען ארויס אויפן טויט, וואָרים ווייסן זאָלט איר, אַז מיר האָבן געצאָלט אַ גאָר גרויסן פּרייז, און אַ יעדער פון אונדז האָט אַ חלק אין גרויסן בראָך, ווי זאָגט דער הייליקער פּרק, „כל ישראל יש להם חלק", אָבער איין זאַך פאַני שלום עליכם קאָן איך אייך זאָגן, אַז אייערע אייגענע זיינען ברוך השם געבליבן לעבן און זיי וועלן טאַקע שטענדיק לעבן. ווילט איר דאָך אוודאי וויסן, פון וואַנען איך ווייס אָט דאָס אַלץ, וועל איך אייך ענטפערן, אַז „בעיני ראיתי", כ'האָב מיט זיי אַליין גערעדט. זייט איך בין דאָ, האָב איך מיך כמעט מיט אַלע אייערע געזען. אָט למשל האָט מיר דער אַלטער רב ר' יוזפל דערציילט, אַז די חברה „נוטרי כרמים" (נטורא קרתא), וועלכע זיינען ערגערע שונא ישראל פון די רשעים, האָבן אים געוואָלט איבערריידן, אַז ער זאָל צו זין צו שטיין, נו האָבן זיי געטראָפן מיט אַ פינגער אין הימל אַריין. גלויבט מיר, אַז איך וואָלט געקאָנט אייך באריכות אויס רעכנען, וועמען כ'האָב אַלץ פון אייערע פאַרשוינען געטראָפן, אַלע „בלאַנדזשענדע שטערן", זיי קומען אַהער „פונעם יאריד", נאָר פשוט איך וויל ניט אוועק נעמען אייער צייט. אָט היינטיקן שבת האָב איך אין שיל געטראָפן אייער דוד שאַפּירא, אָט דער וואָס האָט שטענדיק געשריגן „שווער צו זיין אַ ייד", היינט זאָלט איר זען אייער „סנדר בלאַנק", שטייט אין מזרח וואַנד, מיט אַ טלית אַ שאַליקיל און בלאָזט פון זיך ווי דער אמתער גביר און „סטעמפּעניו" שפּילט אין אַ קאַמפּייני און דער עולם פּאָסמאַקעוועט זיך בשעת ער לאָזט זיין פידעלע ריידן. בקיצור אַלע לעבן ברוך השם אפילו שימעלע סאָראָקער און שמעון אלי „שמע קולינו", איר געדענקט דאָך אים, דאָס „פאַרכשופטע שניידערל" האָט מען אים גערופן, מחמת ער האָט געקויפט אַ ציג און ס'איז פון איר געוואָרן אַ צאַפּ אים האָב איך אויך געטראָפן...

נאָר מיט דער חברה יתור האָב איך ניט ליב צו טענהן, וואָרים זיי זיינען — איר זאָלט מיר מוחל זיין — „המכה בעברתו" געשלאָגן אויף דער עברי, איך, אַז איך קאָן ניט פאַרפּוצן מיין שמועס מיט אַ פּסוק, אָדער אַ מדרש, שווייג איך בעסער, אדרבה בין איך ניט גערעכט ?

הקיצור, מיר דוכט זיך, אַז דער ראשית, איז געווען צו אַ לאַנגער ראשית, מען מעג שוין אַריבער צום והשנית און דער והשנית האָב איך מורא וועט אייך פאַני שלום עליכם ניט שמעקן, אָבער טוביה וועט זיך פאַרן אמת לאָזן שניידן, טוביה קאָן אַריין זאָגן ביי אים איז „אמור ואמרת", אַז ער האָט צו זאָגן, זאָגט ער. איז טאַקע דערפאַר וויל איך אייך פרעגן בלויז איין זאַך, ווי אַזוי האָט ניט אַזאַ ייד ווי איר, אַזאַ גרויסער געלערנטער אין גמרא, מדרש, עין יעקב און להבדל טאַקע אין זייערע לשונות און חוץ דעם קענט איר דאָך



אַלץ באַשרייבן אַזוי גוט, אַז אַ גאַנצע וועלט זאָל פון אייך הנאה האָבן, ווי אַזוי האָט איר ניט קיין „סאָוועסט" קיין יושר און איר אַנטלויפט פון אונדז אָן אַ זייט געזונט ? מילא איר האָט אונדז איבערגעלאָזט אויף הפקר, איז „פּי בידא", האַלבע לייד, אונדז וועט גאָר ניט שאַטן, ווייל יעדער פון אונדז איז אַ פאַלנער לעבעדיקער מענטש און מיר קענען זיך אונדזער שטעדטל אַליין באַשטיין, אָבער איך פרעג אייך ניט מער, איר נעמט אַ יתום, אַ לייטיש קינד פון אַזאַ פיינער יחוסדיקער משפּחה, איך מיין טאַקע אייער, מאָטעל פּייסי דעם חזנס" און איר לאָזט אים איבער אויף הפקר אין סאַמע מיטן פון אַמעריקאַ, איז דאָס רעכט אַזוי ? רבונו של עולם, וויפיל איר האָט אייך מיט אים אָנגעליטן, וויפיל ממון און דמים אייך האָט געקאָסט דאָס אַריבער גנבענען די גרעניץ, — דאָס בעטגעוואַנד האָט זיך עד היום ניט אָפּגעזוכט — היינט די צרות אין עמיגראַנטן קאָמיטעט אין אַנטווערפּען און ערשט דער גיהנם „קעסטל־גאַרטען", איז נאָך דעם אַלעמען לאָזט איר איבער אַזאַ יונג בוימעלע אין דער וויסטער שטאָדט אַמעריקאַ ? וואָס וועט פון אים ווערן אָן אייער השגחה ? וואו נאָך אין דער גאַנצער וועלט, וועלן מיר געפונען אַזאַ מאָטעל ?

איך וואָלט אייך נאָך געקאָנט פרעגן אַסאַך קשיות ובפרט איצט, פּסח צייט, איך וויל זיך אָבער מיט אייך ניט צו צוקריגן, עס איז דאָך ביי אונדז אַלעמען אַ גרויסער יום טוב אייער געבוירן טאָג, ובפרט ביי מיר, וואָרים ווער אויף דער גאַנצער וועלט וואָלט „אַרויס געפירט" אַזאַ טוביה און אים „אַריין געפירט" אין די הויכע פענסטער ? און טאַקע מנחם מענדלן איז אויך ניט אוועק צו מאַכן מיט דער האַנד און זאָגן וועל איך אייך אַ סוד, אַז דער עולם צאַצקעט זיך נאָך אַלץ מיט אונדז און אפילו די פאַרשוינען, וועלכע קענען ניט קיין יידיש רחמנא לצלן, קענען מיך אין זייערע לשונות, למשל „טוביה דהי דייערי מען", אָדער „טוביה החולב" און אפילו פאַנקע רופט מיך „מאַלאַטשנע יעוורעי", דערלעבט אַ כבוד, הא ?

איך וואָלט אייך נאָך געקאָנט פיל נייס שרייבן, אָבער איך מוז איצט מקצר זיין, מחמת גאַנץ פרי מוז איך אַרויס טרייבן מיינע שעפעלעך אויף פּאַשע. דאָ ביי אונדז אין „קיבוץ" וועלן מיר אם ירצה השם איבער אַכט טאָג שבת, פייערן אייער געבורטסטאָג. איך הער, אַז די גאַנצע וועלט גרייט זיך צו דעם יום טוב „איש ואיש כלשונו", יעדער נאָך זיין שטייגער, אָבער איך וויל זיין דער ערשטער אייך דאָס אַלץ מודיע צו זיין.

פון מיר אייער אמתער „ידיד נפש"

טוביה

עיקר שכחתי —

דאָס גאַנצע לאַנד גייט כאָדראָם, מען גרייט זיך צום „יום העצמאות", איך האָב נאָך געקוקט אין הייליקן חימוש, וואָס דאָס איז אַזוינס דער „יום העצמאות" און האָב אויסגעפונען, אַז דער מנהג שטאַמט נאָך פון יוסף הצדיק ווי עס שטייט געשריבן „והעליתם את עצמותי מזה אתכם". מיין אַדרעס איז — החולב בשדה בוקר, רחוב שלום עליכם, Israel.

## א. נ. שטענצל

# פסח-צייט

(דערמאָנונג-וואַריאַציעס)

## ביי אונזער טייכל

ווען טאַטע מיטן נייעם געטובלטן עמער
„מים-שלנו“ שעפּן ער איז געגאַנגען צום טייך,
די ווערבעס באַהאָנגען מיט יענע שטומע פידלען,
זייערע סטרונעס סטראָיען זיי האָבן גענומען גלייך.

צניעותדיק-צאַרט, ס׳מצוה-טענצל שטאָלץ אויפצוטאַנצן,
ביי דער זייט די שלאַנקע טאָפּאָלעס געשטאַנען שוין גרייט;
אויף אַ צעצוויטן זוניק צעשניצטן מאַנדל-ביימל,
שטייט אַ פייגעלע און פייפט אויף צווייגל ווי אויף אַ פלייט.

קריע נאָך זיין גאַנץ שטעטל איז געגאַנגען דער טייך!
און איצטער איז ער איין יאָמערלעכער גרויסער געוויין:
מיין טאַטע, מיט זיין נייעם געטובלטן עמער,
„מים-שלנו“ שעפּן ער קומט שוין נישט מער צוגיין.

אין זייער פּראַכט די קנאָספּנדיקע עפּל-ביימער,
וואָס טאַטע איבער זייער בליעכץ אַ ברכה געמאַכט,
פאַרשעמטע כלות אונטער שלייערס שטייען זיי איצט,
פון זייערע באַשערטע פאַרלאָזן און אויסגעלאַכט.

## „ויעלקי פּיאַנטעק“

פּעט-צעאַקערטע שטייען אָפּן די פעלדער,
קאָרן-און ווייצן-קערנער אַקאָרשט פּערזייט,
און פון די לאָנקעס דאָס אויפגעגאַנגענע גרין,
אַ פרייד — ווו דאָס אויג נאָר גרייכט אַזוי ווייט.

אויפגיין וועלן תאוהדיק פול די תבואות,
פון אַקערס געמיסטיקט מיט מענטשלעך געביין,
מיט ווערעם-צעפרעסענע הילצערנע צוויי הענט,
ס׳שטייט דאָך אַ בענטשנדיקער יעזוס אליין...

ווי הויך דער „פּאסכאַ“-הימל, ווי טיף אויפגעבלויט,
ווי ס׳שמעקט דער אויפקנאָספּנדיק צעבליטער בעז,
בלויז די „שמיגוס-שמחה צעשטערט: קיין „זשיד“ נישטאָ
אונטערצוואַרפן אים — אַ ממזר, אַ מת.



שכורט ער זיך אָן ווי אַן עשו-גוי נאָר קען,
און מכות-רצח צעבלוטיקט ער זיין פּרוי:
„באַזשע מאַי“, פאַלט ער צו צום ווערעמדיקן קרייץ,
„מיט אַ בלוט-בילבול כאָטש יוצא זיין אַזוי“ — —

## ערב פּסח

פון אינווייניק און פון אויסנווייניק
פריש געקאַלעכט שטייען אָפּן די הייזלעך,
מיט צימערינג און מיט מאַנדלען צעשמעקט,
צעקלינגען מיט מערזשער און מעשענע שטייסלעך.

אַלע קנאָספּן ריחות אין שטוב אַריין
ברענגט אַ טרעגער געטראָגן אין מצה-קאָשיק;
אַ יינגל אַרום אים טאַנצט צעטראָגן,
אַקאָרשט אויף לאַנקע אַ צעהירזשעטער לאָשיק.

סאַמעט היטעלע, אַטלעס זשיביצל,
אין גלאַנציק לאַקירט שטיוועלע צעטאַנצט פּיסל,
צום טובלען די זון טראָגט ער צום טייכל,
פאַר סדר אַ שפּאָגל-נייע קערה-שיסל.

זע, אַ פויגל אינמיטן זיין זינגען,
הויך אין הימל אויף אַ ווייל געבליבן הענגען,
אויף פעלדער אַרויס, אין וועלדער אַריין,
אַזאַ שיר-השירים; געזאַנג מיטצוברענגען.

## שיר השירים

פאַר „חמץ-בטלען“ האָבן זיך טאַטנס ספרים,
ווינטלדיק צעבלעטערט דרויסן אויפן הויף;
נישט אַ קאָרזש — דער בליטן-שטויב איז אַרויס פון זיי!
און איצט אויף צווייגל וואָס קנאָספּעט אַקאָרשט אויף,

זיצט דער טאַטע מיט מיר אַ שוואַלב מיט זיין שוועלבל,
ער זאָגט די ווערטער, איך טרעל די מעלאָדי —
אַזאַ צעזונגען נעסטל איז פול אונזער שטוב!
מיט געזאַנג „שחולת אהבה אני“ — —

כ׳פאַרשטיי די ווערטער נישט, צומאָל דעם טייטש פון זיי,
בלויז זיפצנדיק זיסן זאַפּט פליסן איך שפּיר!
אויפגעטויטע בליטן-פרייד, בלוט געשאָרך פון טויט,
איז יעדער ריר ביים רינגל פון אונזער טיר —

מאַמעס בליק — טוליעט־צעטומלט טורטל־טייבל,
איר האַרץ־געוואָרקע — טאַקט פון אונזער געזאַנג — — —
זיך איינהערנדיק, לבנה פאַרן פענסטער,
בלייבט אַ ווייל שטיין אין איר פאַרחלומטן גאַנג

## קליינע חול מועד באלאדע

„אל גינת אגוז ירדתי לראות באבי הנחל" — שיר השירים

פאַר צוגעגנבטן אפיקומן,
פון טאַטן דעם שאַק ניסן געקראָגן ?
אָדער פון אליהו נביא גאָר,
פאַרן „ברוך הבא" אים צוזאָגן,

עפנדיק די טיר צו „שפוך חמתך",
אין שאַריען פאַרחלומטן טאָגן ?

גאַנץ חול־מועד „דראַד און דרים", „אין דריי געטיילט",
„ביטש" געשאָסן פון מעשן שיסעלע ;
און אויסגעפיפן די גאַנצענע וועלט,
נאָך אויף דעם ווערעמדיקסטן ניסעלע

„אוי, אל גינת אגוז ירדתי" — —
רייסט טאַטע איבער פאַרטיפטן ניגון,
און קלאַפט פאַר מעריב פון פענסטער אַרויס,
צום דאַווענען מיך אַריינצוקריגן.

אָבער אַנשטאָט מיך בייז אָנצושרייען :
„תנא־באַרטעק, וואָס וועט פון דיר ווערן" ?
קאָן איך נאָך איצט, ווי אין זיסן חלום,
פונם צעעפנטן פענסטער הערן :

„די מלאכים אויבן אין הימל הויך,
אין „ביטש" מסתם זיי שפילן אויך איצטער ;
זעסט, פון לבנה־טעלערל אַ שטערן
אַרויסגעשאָסן אַזאַ צעבליטער — —"

און נישט בלויז כ'הער זיין ניגון, איך זע אים :
דאָרטן אין „גינת־אגוז"־גאָרטן זיצט ער.



## א מועדים לשמחהלע
### פאַר הרב עמרם בלוי שליט"א

באמת לייכטער געווען משה רבינו'ן,
דעם ים־סוף אין דער טריקעניש אַדורכצוגיין,
ווי בן־גוריונען אין ירושלים,
דעם מיט שטיינער געכשרטן שווים־באַסיין ;
גרינגער געווען צומאָל דעם כעלעמער רב,
אַריינצונאַרן אַ גוי אין מקווה אַריין.

ווען צען חכמים נישט אַרויסנעמען קענען,
פון איין נאַר אין טייך אַריין געוואָרפענעם שטיין,
ערשט ווען צען מנינים נטורי־קרתאניקעס,
מיט חרמים־געשריי, מיט תחינות־געוויין :
אויב שוין „ככל הגויים בית ישראל",
איז נישט מיט שווים־באַסיין — מיט אַ בלוט־באַד ס'וועט זיין !

נאָר האָט עס אַ שייכות צו דער דייטשער מחילה,
זי אַרומצוואַשן „פיינלעך זויבער" און ריין —
זיי וועלן דאָך אויף דער קומענדיקער שמחה
די הויפט מחותנים אַצינד מסתם דאָרט זיין ! —
אַ ברכה אויף יענע נטורי־קרתא־הענט,
וואָס אויפגעהויבן און געוואָרפן ערשטן שטיין.

## אזא להכעיס'ל
### (כאָטש מיר אַליין אויף צעפיקעניש)

יאָ, נישט בלויז די ברויט־ברכה אויפגעבראָכן ווערט,
מיט ידים ידי־עשו־שווייס און געוויין,
און נישט נאָך אויפקאָכן ס'טוט דאָס רציחה־בלוט,
דער נצחון פאַר קאַמף פון זיין און נישט זיין —
באַגיין מען מוז אַלע ארבע מיתות איבער
יעדן ברוך הוא וברוך שמו — אמן.

יאָ, די רציחה זי מוז זיך דאָך צעיוכען,
אויב נישט איבער יענעם — כאָטש איבער זיך אַליין !
גאָט, „טוב שלא נברא" ! טאָ וואָס איז דער חילוק דאָך,
פון קול קול יעקב, ביז צוגעבן צוריק אין די ציין ?
„ועכשיו" — אז ווידער מיר זיינען מיט פעלקער גלייך,
איז אויף לעבן און טויט, און נישט מער אונטערגיין.
אמן.

## רחל מירסקי

# צוויי פסח-מאטיוון

### 1. רב קהת

ר׳קהת האט געוואוינט אנטקעגנאיבער דער אלטער שול. מיין מאמע, מיט אירע קינדער, האט געוואוינט אין זעלבן הויז, א טיר אנטקעגנאיבער א טיר.

דער ר׳קהת האט געשמט אין אונזער שטעטל מיט זיין לומדות און פרומקייט. אז מיין מאמע האט אמאל געדארפט פארן אין דער גרויסער שטאט אריין וועגן איר מסחר, וואס זי ווייטער געפירט נאך מיין טאטנס טויט, איז זי תמיד צוערשט אריינגעגאנגען צו ר׳קהתן ער זאל איר געבל א ברכה, כדי זי זאל מצליח זיין און קענען מפרנס זיין אירע יתומים.

איך אליין פלעג אויף דעם ייד קוקן מיט ליבשאפט און מורא. הויך איז ער געווען און אויסגעדארט, מיט גרויסע, אביסל ארויסשטייענדיקע שווארצע אויגן. געהאט א שווארצע און שפיציקע בארד, וואס די שפיצן אירע זענען געווען העל־ברוין. זיינע לאנגע פיאות האבן אים פארדעקט די אויערן. איך האב תמיד געמיינט, אז ער איז אימשטאנד אויפצוטון וואונדער; בלויז דערפאר וואס מיין מאמע האט קיינמאל נישט פארפעלט צו בעטן ביי אים א ברכה, אז זי זאל מצליח זיין אין איר האנדל.

דעם אמת געזאגט, זענען מיר נישט רייכער נאר כסדר ארימער געווארן, פשוט ווייל מיין מאמע האט נישט געהאט קיין סך אנונג אין דעם געשעפט, וואס מיין טאטע האט איר איבערגעלאזן! דאך איז מיין מאמעס גלויבן, און אויך מיינער, אין ר׳קהתן אלץ געבליבן פונקט אזוי שטארק!

אין חדר אריין בין איך געגאנגען צוזאמען מיט די ייִנגלעך, ווייל כ׳האב זער ליב געהאט צו הערן ווי מען לערנט. אפט פלעג איך זיצן אין שטוב און מיך צוהערן צו ר׳קהת ווי ער זיצט אזוי ביים גרויסן פענסטער און שאקלט זיך איבער א גמרא, מיט אזא ליבלעכן ניגון. זומער איז דארטן געווען זער ליכטיק, און ווארים אין ווינטער.

אין דער שטוב האט מען קיינמאל נישט געהערט קיין הויך ווארט. די צוויי זין זענען געווען ווייט אוועק אין ישיבות. חנהלע, די איינציקע טאכטער, האט אויסגעזעען ווי איר פאטער — הויך און שלאנק, ווי א פאלמע, מיט שווארצע, גלאנציקע אויגן און א קאפ געלאקטע האר, וואס מען האט קיינמאל נישט געקענט האלטן פארפלאכטן. אויפן שטערן אירן האבן תמיד ארומגעטאנצט אייניקע פון די שווארצע לאקן, ווי שפילנדיקע פיסעלעך פון פייגעלעך. חנהלע איז דעמאלט אלט געווען א יאר פירצן־פופצן, בעת איך בין געווען אסך יונגער.

אויף חנהלען האט מיך אלעמאל ארומגענומען א רחמנות, ווייל איך פלעג זי אפט זעען וויינען און נישט געוואוסט פארוואס זי וויינט. כ׳פלעג בלויז הערן ווי איר מאמע, א זער פרומע, אויסגעדארטע יידינע, זאגט צו איר:

— דו וויינסט שוין ווידער, מיין קינד? איך האף צו אים, וואט לעבט



אייביק, אז עס וועט דיר זיין גוט!

מען האט חנהלען חתונה געמאכט מיט א יונגן אלמן, מיט א קינד, ווען זי איז בלויז זעכצן יאר אלט געווען. נאר נאך איר חתונה פלעג איך שוין נישט אזוי אפט אריינגיין צו זיי אין שטוב אריין. חנהלע האט זיך מער נישט געדארפט חברן מיט מיידלעך.

דאס פארפאלק איז געבליבן וואוינען ביי אירע טאטע־מאמע אין הויז. אויך דער יונגערמאן איז געווען א גרויסער לערנער, און די שטוב ביי זיי איז אנגעפאקט געווארן מיט נאך מער ספרים.

אט די ספרים זענען עס געווען די סאמע ערשטע פרייד פאר אונז קינדער פסח־צייט. אמבעסטן געדענקען זיך מיר די שיינע, ווארימע טעג פאר פסח, איבער און נאך פסח.

אין דער וואך פאר פסח פלעגט חנהלע מיט איר מאמען ארויסברענגען שטרוי און ראגאזשעס און זיי אויסשפרייטן ביי דער וואנט פון דער אלטער שול, אנטקעגנאיבער זייער גרויס פענסטער. איך פלעג העלפן ארויסטראגן די ספרים פון שטוב און זיי אויסלייגן צום אויסלופטערן. די ספרים האב איך געטראגן מיט אזא מורא און פרומקייט, אז זיי זאלן נישט אראפפאלן אויף דער ערד. עס וואלט דאך געווען א גרויסע עבירה!

א לייכט ווינטל האט געמישט די בלעטער אין דער ליכטיקייט פון דער זון. מיר האבן זיך צוגעקוקט, מיט ערעפורכט און אויפגעריסענע אויגן ווי די בלעטער מישן זיך איבער, זייענדיק זיכער, אז מלאכים לערנען דאס איצט פון אט די ספרים. פאר אונז איז דאס געווען א טיפע, הייליקע פרייד.

דערווייל האט מען ביי ר׳קהתן אויסגעליידיקט די שטוב, אויסגעוואשן די ספרים־שענק און אויסגעקאלעכט די ווענט. דערנאך האבן מיר ווידער געהאלפן אריינטראגן די הייליקייטן אין הויז אריין. מידע פון דער ארבעט, זענען מיר דערנאך אריינגעפאלן אין א געזונטן, טיפן שלאף און געחלומט פון פסח און אלע זיינע פריידן פאר אונז קינדער.

### 2. פייגעלע

צמח שטריקנמאכער, וואס האט אויך געוואוינט אויפן גרויסן הויף, האט געהאט אן אייציקע טאכטער. פייגעלע האט מען זי גערופן. אלע האבן מיר ליב געהאט פייגעלען, מיט אירע גרויסע, שווארצע אויגן און געדיכטע, שווארצע האר.

גוטמוטיק פלעגן מיר פון פייגעלען לאכן, פארוואס זי גייט אזוי איינגעבויגן, ווי אן אלטער חסיד. ניין, קיינער האט נישט געהאט קיין אנונג, אז זי איז קראנק. אירע טאטע־מאמע, פייגעלע אליין, האבן עס אויך נישט געוואוסט, ביז אין א געוויסן טאג, ווען בלוט האט זיך א גאס געטון איר פון האלז. צעטומלטע, האבן מיר שוין אויפגעהערט צו לאכן, וויסנדיק גוט וואס דאס באטייט.

פייגעלע איז געלעגן אויף א בעט אין איינעם פון די צוויי שטיבלעך, וואו אירע עלטערן האבן געוואוינט, סאי זומער סאי ווינטער האט איר טאטע

געארבעט אויפן הויף, ווייל ער האט געמוזט האבן גענוג ארט צוט דרייען און אנציען די שטריק. אבער אלע מאטעריאלן צו מאכן שטריק האט מען געמוזט האלטן אין שטוב, וואו די קראנקע האט זיך געפונען.

אין די טעג פאר פסח ווען מען האט געדארפט ריין מאכן אויף יום־טוב, האט מען דאס בעט מיט דער קראנקער ארויסגעשטעלט אויך אויפן הויף, וואו ס׳איז געווען ווארים און פריש און די זון האט געשיינט.

די טבע פון דער קראנקהייט איז, אז די חולאים ווערט עס ערגער אין הערבסט און אין פרילינג. אזוי האט אויך פאסירט מיט פייגעלען, און זי איז שוין געלעגן פארן טויט; אירע שיינע אויגן גרעסער ווי תמיד, די הויט אנגעצויגן איבערן פנים. אויף אירע שווארצע האר איז געלעגן א געלער שטויב און אויך אין די אויערן און נאזלעכער.

ווען אין הויף אריין זענען געקומען צוויי יידן, טראגנדיק א צעבער מיט שטיינער און הייס וואסער צום כשרן כלים אויף פסח, האט מען אין דעם טומל פון די ווייבער נישט באמערקט ווי פייגעלע האט אויסגעהויכט איר נשמה.

פייגעלעס טויט האט ממש צעשטערט די פרייד פון פסח. מיר יונגע האבן, מיט ווייטאק, געפרעגט פארוואס זי האט עס געמוזט אזוי יונג שטארבן...

אויך צמה שטריקנמאכער, איר פאטער, איז פון גרויס צער אוועקגעפאלן צו דער צווייטער סדר־נאכט און איז שוין מער נישט אויפגעשטאנען.

## ברכה קאפשטיין

### באלאדע פון צוויי בריוו

ליסקי — אַ מתנה דיר!

צוויי בריוו האָב איך היינט באקומען:
איינעם —
פון אייגענעם פלייש און בלוט,
וואָס אלץ וואָס אין אים איז געשריבן
דו נעמסט אָן פאר גוט!
א צווייטן —
פון א פריינט —
א נאָענטן — ווייטן, —
וואָס ער אָטעמט מיט פרישן אראָמאט
פון אייביקע צייטן.

ביידע — זיי צויבערן
צערוישן דאָס בלוט.
פון איינעם — די האנטשריפט
אזוי נאָענט איז דיר, אזוי ליב...
זי מיניעט, ציגנדט אָן דעם בליק.



די צווייטע —
מיט פשוטער שריפט רעגט שטיל,
און ס׳דוכט זיך:
אָט פאלט און צעקלאפט זיך דאָס הארץ
פאר אן איינציקער רגע פון גליק...

אָ, גאָט, —
וועלכן בריוו זאָל איך עפענען פריהער?
דעם — מיט די וואונדן נעצוונדן
וואָס האלט מיט אן אייביקן כוח מיין לעבן געבונדן?
צי דעם —
וואָס מיין אָטעם ער שפאלט איצט
אויף טויזנטער טיילן —
און ער בעט זיך:
„— עפן מיך —
כ׳וועל דיר די וואונדן פארהיילן“.

צאפלען צוויי בריוו
אויף דינינקע פעדים פון צייט.
אן איינציקע רגע איז איצטער אייביקייט...
און ס׳ציט זיך מיין האנט
צו דעם בריוו צו דעם צווייטן,
און עס שלאָגט איבער דאָס הארץ
דעם פארלאנג דעם פארשייטן...
פאר די אויגן נעמט בלענדן
די דינינקע אייגענע שריפט,
זי פארציט דיר דעם אָטעם, זי רופט...
שטרעקסט אויס דיין האנט
ווי אין נעפל, אָן כוח...
און ווייט, ווייט,
וואנדערט אוועק דיין באגער, דיין פארשטאנד, —
דער צעברענטער ווי רויעך...

לעבן דיר איצט,
ציטערט און בליצט,
דער בריוו פון א פריינט, —
א נאָענטן — ווייטן.
שטיל זעסט אים ליגן.
דו הערסט —
ווי ס׳גייט אויף איבער אים
אן עלנטער ניגון...

# איין ציקעלע פאַר צוויי גילדוין

(המשך)

## קאַפיטל פיר

אַ נאָמען האָט מען געגעבן דעם איינהאָרן — אַפריקאַנאַ, ווייל מר. קאַנדינסקי האָט געגעבן צו דערקלערן, אַז דער דאָזיקער נאָמען באַצייכנט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט אַפריקע. פונקט דערנאָך האָט דער איינהאָרן אָנגעהויבן אויסזעען אַביסל בעסער. יעדער איינער מוז האָבן אַ נאָמען; אויב נישט, וויאַזוי וועט מען וויסן ווער מען איז? און אַזוי ווי מען האָט דעם איינהאָרן נישט געקענט רופן טשאַרלי אָדער היימי, אַפילו נישט קאַנדינסקי, איז שוין פאַרבליבן אים צו רופן אַפריקאַנאַ.

יעדן אינדערפרי נאָכן אָנבייסן פלעגט דזשאָו נעמען אַפריקאַנאַ אויף אַ שפאַציר לענג אויס פעשיאַן סטריט, דערנאָך אַריבערגיין די גאַס און שפאַצירן צוריק פאַרביי די העמדער־פאַבריק. אַפריקאַנאַ האָט געהאַט אויף זיך אַ קאַלנער אין בונטע שאָטישע פאַרבן, וואָס האָט אַמאָל געהערט דעם בעקערס הונט, ניקאָליי, לזכרון דעם צאַר פון רוסלאַנד, נאָר ביידע זענען איצט שוין געווען טויט. אויך די העמדער־פאַבריק איז געשטאַנען טויט. זי איז געווען אַביסל אָפגערוקט פון דער גאַס, באַקלעפט אויפן גאַנצן פראָנט מיט אָפגעשליסענע אָפישן און פלאַקאַטן. די גרויסע טיר צו דער פאַבריק איז געווען געמאָלן פורפור־רויט, וואָס האָט זיך אָפגעשיילט די גאַנצע צייט, און געהאַט אויף זיך אויסגעשניצט די נעמען פון די יינגלעך אין גאַס. פון אויבן, וואו די יינגלעך האָבן נישט געקענט דערגרייכן, איז נאָך געהאַנגען אַ טייל פון אַ גרויסן, קאָלירטן אָפיש, וואָס האָט געוויזן ווי אַ קונצנמאַכער אין אַ צילינדער נעמט אַרויס אַ בלאָען קראָליק, צוויי בלאָע טויבן און אַ בוקעט בלומען פון אַן אַנדערן צילינדער. אויפן דאַך פון דער העמדער־פאַבריק זענען געווען קליינע דעכלעך, און דערפאַר האָט מר. קאַנדינסקי אַ נאָמען געגעבן דער געביידע — דער קרעמל. ביי דער טיר איז געווען אַן אָפגעבליאַקעוועט ברעטל, אויף וועלכן מען האט נאָך געקענט לייענען די מעלדונג: „ס פאָדערן זיך נייטאָרינס״, נאָר קיינער איז נישט געגאַנגען אין דער פאַבריק אַריין און אויף דער טיר איז געהאַנגען אַ גרויס שלאָס.

די צוויי ווינקלען, וואו דער טראָטואַר איז געווען אויסגעבויגן צו דער פאַבריק צו, זענען געווען געשיצט פונם ווינט. אין דעם אָדער אין יענעם ווינקל זענען טיילמאָל געזעסן אַלטע לייט, מענער און פרויען, וואָס פלעגן אַרומבלאָנקען איבער דער איסט־ענד איינגעהילט אין שמאַטעס און געטראָגן אַזעלכע טאַרבעס, מיט פעדערן אין זייערע היט, און שטיקלעך ברויט האָבן אַרויסגעשטאַרצט ביי זיי פון די קעשענעס. זיי פלעגן רעדן בלויז צו זיך אַליין, מורמלענדיק כסדר די גאַנצע צייט, טיילמאָל געהאַלטן וויכוחים אַליין, אַמאָל אַפילו אַ געשריי טון, אַזוי, אַז קרישקעס זענען אַרויסגעפאַלן פון די ציינלאָזע



מיילער. דאָס זענען געווען שלעפערס, וואָס האָבן זיך געשלעפט איבער די זייטיקע הינטערגעסלעך, נישטערנדיק אין די מיסטקאַסטנס און באַהאַלטנדיק ליידיק פלעשער און שמאַטעס אין די טאַרבעס, בעטלענדיק אַלט ברויט ביי די בעקערס, און שלאָפנדיק אונטער באַן־בריקן אָדער אין די ווינקלען ביי דער העמדער־פאַבריק. קיינער האָט זיי נישט געקענט, נישט געוואוסט פונוואַנען זיי קומען, אָדער וואוהין זיי גייען. תמיד האָט מען זיי דאָרט געזען. עס זענען געווען זער אַלטע לייט.

יעדן פרימאָרגן בעתן שפאַציר פלעגט דזשאָו פאָרשטעלן אַפריקאַנאַ פאַר די שכנים. דעם ערשטן באַזוך פלעגט מען אָפשטאַטן דעם בעקער, וואָס פלעגט זיי, יעדן איינעם, געבן אַ קאָקוס-נוס געבעקסל מיט אַ באַמערקונג אַז אַפריקאַנאַ האַלט אין איין וואַקסן.

— איר מיינט טאַקע אַז ער וואַקסט? — האָט דזשאָו אַמאָל געפרעגט, ווייל אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַפריקאַנאַ איז נאָך אַלץ אַזוי קליין ווי געווען.

— צי ער וואַקסט? — האָט דער בעקער אָפגעענטפערט מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע, — אוודאי וואַקסט ער. אחוץ דעם גייט ער אויך שוין בעסער אַרום. פעשיאַן סטרייט דינט אים גאַנץ גוט. ווילסט אפשר נאָך אַ געבעקסל?

— ניין, אַ דאַנק אייך, — האָט דזשאָו זיך באַדאַנקט. נאָר אַפריקאַנאַ האָט גאָרנישט געזאָגט, נישט אַפילו אויפגעגעסן דאָס קיכעלע.

ווען עס האָט נישט גערעגנט, אַפילו אין ווינטער, פלעגט מיסיס אַבראַמאָוויטש זיצן ביי דער אָפענער טיר פון איר געוועלבל אויף אַ שטול און נאָכקוקן די מענטשן ווי זיי גייען פאַרביי. זי האָט זיך מפרנס געווען פון פאַרקויפן אַזעלכע שיינע קנעפעלעך. דזשאָו האָט געוואוסט, אַז מיסיס אַבראַמאָוויטש מיינט נישט קיין שלעכטס, נאָר ער האָט זיך געוואונטשן זי זאָל אים נישט קניפן אין בעקל, ווי אין בייליק ביי אַ הון, ווייל ס׳האָט אים געגעבן אַ געפיל, ווי מען וואָלט אים געגאַנגען אָפקאָכן, און דער קניפ האָט אויך וויי געטון. יעדעס מאָל ווען זי פלעגט אים אַ פרעג טון — נו, דזשאָו, וואָס מאַכט די מאַמע? — כדי ער זאָל זיך אָפשטעלן און רעדן מיט איר, האָט ער זיך באַמיט צו האַלטן די באַקן ווייט פון איר. ס׳איז אָבער געווען שווער צו רעדן צו מענטשן און נישט ווענדן דאָס פנים צו זיי, און מיסיס אַבראַמאָוויטש איז געווען געשיקט. בשעה ער איז געווען אַזוי פאַרנומען און נישט באַמערקט, דערציילנדיק איר עפעס, האָט אַ ביינערדיקע האַנט פלוצלונג אַ שפרונג געטון און צוויי ביינערדיקע פינגער האָבן אים אַ קניפ געטון אויף דער באַק. — זע נאָר אַ באַיטשיקו — האָט מיסיס אַבראַמאָוויטש געזאָגט, אָפלעקנדיק זיך די ליפן, פונקט ווי זי וואָלט אים טועם געווען. אַ ריח פון קאַמפאָר האָט זיך געשפירט פון איר, און זי האָט געטראָגן אַ וואָלן זשאַקעטל מיט שיינע קנעפעלעך.

אַן אַנדערער קנייפער איז געווען דער ייד מיטן אויסגעקרומטן מויל וואָס האָט געהאַנדלט מיט ציקערלעך און ציגאַרעטן. ער פלעגט טראָגן אַ שוואַרצן,

האַרטן קאַפּעליוש דאָס גאַנצע קיילעכדיקע יאָר. און כדי צו פאַרדעקן דאָס אויסגעקרומטע מויל האָט ער זיך פאַרלאָזט אַ פּאָר געדיכטע וואָנסעס, וואָס האָבן תמיד אויסגעזען רויט, הגם די האָר זענען ביי אים שוין געווען גראָ. דאָך האָט איר כּסדר געקענט זען, אַז עס איז אויסגעקרומט. אַלע פלעגן קויפן ביי אים צוקערוואַרג און ציגאַרעטן, נאָר ליב האָבן האָט מען אים נישט געהאַט, ווייל ער איז געווען אַ פּאַסער און אַ מסור אויך און אַפילו אַ ידיד פון דער פּאָליציי. קיינער האָט אים נישט געטרויט, ווייל דורך אים האָט די גאַס באַקומען אַ שלעכטן שם, הגם ער איז געווען אַ פרומער ייד און פלעגט אייך אָנביטן אַ פּסוק אָדער אַ גלייכווערטל ווען איר זענט אַריינגעגאַנגען צו אים קויפן אַ שטיקל שאָקאָלאַדע אָדער פּוילישע קאַראַמעלקעס. זיין באַליבטסטער פּסוק פלעגט זיין, „גיי צו דער מוראַשקע, דו פוילער, באַטראַכט אירע וועגן און ווער קלוג!" און אים פלעגט ער זאָגן דער טאָכטער זיינער, וועלכע האָט אויך געהאַט אַן אויסגעקרימט מויל, כאָטש זי האָט זיך נישט געקענט פאַרלאָזן קיין וואָנסעס עס אַזוי צו פאַרדעקן. צו דזשאָו פלעגט ער זאָגן, „פאַר אַלעם איז דאָ אַ צייט; ברענג מיר נישט קיין בהמות אין קראָם אַריין". דערנאָך ווען נעמענדיק דאָס געלט, „צוויי זאַכן דיך צו מאַכן לאַכן". נאָר דזשאָו האָט קיינמאָל נישט געלאַכט, ווייל פּלוצלונג, טאָמער ביסטו צוגעגאַנגען צו נאָנט, האָבן די קריכנדיקע פינגער זיינע געגעבן אַ שפּרונג פונם ציילטיש דיר גלייך אין דער באַק אַריין, מיט אַ שאַרפערן קניפּ ווי די מיסיס אַבראַמאָוויטש. אָבער וואָס קען מען טון, אַז מר. קאַנדינסקי האָט אַזוי ליב פּוילישע קאַראַמעלקעס און דאָס איז דאָס איינציקע געוועלב וואו מען קען זיי קריגן!

די איינציקע פּערזאָן אין פּעשיאָן סטריט מיט וועמען דזשאָו פלעגט אָפּנהאַרציק רעדן איבער אַפריקאַנאַ איז געווען מייוויס די גרינצייגהענדלערין. מייוויס האָט געהאַלטן אַ פּושקע אין איר קראָם, מיט אַן אויפשריפט: „פאַר אונזערע שטומע פריינט", כאָטש זי פלעגט מסכים זיין מיט דזשאָו, אַז בהמות טוען יאָ רעדן איינע צו דער אַנדערער. זי האָט אים כּסדר געהאָלפן מיט ראָט און טאַט, אַזוי, אַז דזשאָו האָט איר אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז אַפריקאַנאַ איז אַן איינהאָרן. ער האָט זי געלאָזט אָנדירן דעם עוקץ האָרן, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן, און געפרעגט ביי איר אַן עצה צי דער האָרן וועט וואַקסן גיכער, אויב מען איינרייבן עפּעס אַ קרייטעכץ. מייוויס איז געווען ביי דער מיינונג, אַז נישט. נאָר זי האָט געגעבן דזשאָו צו פאַרשטיין וויאַזוי צו בערשטן אַפריקאַנאַס פעל, און האָט תמיד באַהאַלטן רעשטלעך פון די בעסטע גרינצייג פאַר זיינעטוועגן אינגאַנצן בחינם. זי האָט געזאָגט, אַז צום באַדויערן קען זי גאָרנישט העלפן וועגן דעם אונטערהינקען, אַחוץ בעטן ביי איר הייליקער מאַמען זיך צו נעמען די מי אין דעם ענין. שאַדטן קען עס דאָך נישט, און אפשר וועט עס העלפן. דער איינהאָרן האָט טאַקע אָנגעהויבן אַרומגיין אַביסל בעסער, און עס איז דעריבער געקומען אַ דאַנק דער מייוויס און איר הייליקער מאַמען, כאָטש שמואל האָט אויך עפּעס געטון צו העלפן.

שמואל האָט זיך ערנסט פאַרנומען מיט אַפריקאַנאַ. ויהי היום אַ געוויסן



טאָג האָט ער אַ זאָג געטון צו דזשאָו, „היילונג־איבונגען וועלן זיכער העלפן דאָס הינקען. אַליוער האָט עס מיר געזאָגט אין גימנאַסטישן זאַאַל. ס'טוט אויף וואונדערס". און יעדע נאַכט אַ גאַנצע וואָך האָט ער אַפריקאַנאַ געמאַכט מאַסאַזשן מיט אַביסעלע ווייסן אייל. אָבער נישט געקוקט אויף וואָס מייוויס און שמואל האָבן זיך נישט באַמיט צו טון, האָט מען דאָך נישט געקענט זאָגן, אַז אַפריקאַנאַ איז אַסך געוואַקסן.

— פאַרוואָס זאָרגסטו אַזויפיל צי ער וואַקסט צי נישט, דזשאָו? — האָט מר. קאַנדינסקי געפרעגט. — נעם אַלץ אָן ווי עס איז, זוך גאָרנישט אויסצובעסערן, דזשאָו. אַ הון איז אַ הון. אַ מענטש איז אַ מענטש. אַ קליינער איינהאָרן איז אַ קליינער איינהאָרן. גאַנץ גענוג. — לויט מר. קאַנדינסקין איז אויסגעקומען, אַז דזשאָו פאַרלאַנגט צופיל.

דזשאָו האָט נישט געענטפערט. ער האָט גאַנץ גוט געזען ווי מר. קאַנדינסקי איז נישט אין דער שטימונג צו שמועסן איבער דעם און יענעם. ער און שמואל האָבן געהאַלטן אין פאַרענדיקן אַ וויכטיקע באַשטעלונג. כדי ס'זאָל זיך לוינען, האָבן זיי געמוזט אַרבעטן לאַנגע שעהן און קוים געהאַט צייט גענוג צו עסן. מען האָט דעריבער עפּעס געמוזט מקריב זיין, און פאַרשטייט זיך דאָס שמועסן, איבערהויפּט ווייל שמואל האָט געהאַלטן אַזוי נאָענט פאַר זיין געראַנגל. ס'איז שוין געווען אַזאַ מנהג ביי אים נישט צו רעדן קיין סך ווען ער פלעגט זיך אינטענסיוו צוגרייטן צו אַ קאַמף, אַפילו נישט צו סאַניען. דעמאָלט איז עס ממש געווען אַ גליק פאַר דזשאָו כאָטש צו האָבן אַפריקאַנאַס חברותאשאַפט. אַז דאָס וועטער איז געווען טרוקן, האָבן זיי זיך געשפּילט אויפן הויף, דזשאָו מיט אַ וואַרעמען שאַל איפן האַלז און אַ פּאַלטן און אַפריקאַנאַ אין עפּעס אַזאַ וואָלענעם מלבוש, וואָס מייוויס האָט געשטריקט פאַר זיינעטוועגן.

דזשאָוס באַליבטע שפּיל האָט זיך גערופן אַפריקע. דערין האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל ווי צוזאַמען מיט אַפריקאַנאַ פאָרשט ער אויס אַ דזשונגל, זוכנדיק אַ פאַרלוירענע שטאָט. אַפריקאַנאַ איז זער גרויס און האָט אַ געוואַלדיק גרויסן און מעכטיקן האָרן פון העלפאַנט־ביין, באַהאַנגען מיט זילבערנע גלעקעלעך. דזשאָו אַליין אין הויך־געוואַקסן און איז באַוואָפנט מיט אַ ביקס און צוויי פּיסטוילן. ער רייט אויף אַפריקאַנאַ דורכן דזשונגל, וואו עס קומט זיי אויס צו קעמפן מיט אַ לייב, צוויי טיגערס, אַ רויטן העלפאַנט, אַ שרעקלעך גרויסע שלאַנג, וואָס איז צוויי הונדערט פוס די לענג און מיט אַ מענטשנפרעסערישן קעניג, וואָס זעט אויס ווי איינער פון די שלעפּערס. זיי באַזיגן אַלעמען. דזשאָו ראַנגלט זיך מיטן מענטשנפרעסערישן קעניג און כאַפּט אים אָן מיטן מוראדיקן שערן־גריף, אַזוי, אַז זיין חוט־השדרה גיט זיך אַ צעברעך, ווי שמואל האָט עס אַמאָל געטון מיט אַ שטול. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז דער קענטשנפרעסערישער קעניג איז גאָר אָנגעשטאָפּט מיט שטיקלעך פאַרדאַרט ברויט און שמאַטעס, וואָס פאַלן אַרויס פון אים, ווייל ער האָט בדעה געהאַט אַוועקצוגנבענען אַפריקאַנאַס האָרן און אים צו פאַרקויפן. אַפריקאַנאַ איז גובר דעם העלפאַנט, און דערשטעכט איינעם פון די טיגערס, בעת דזשאָו דערשיסט די איבריקע. דערנאָך

עסן זיי מיטאָג אונטער אַ הויכן בוים, אַפריקאַנאַ עסט גרינצייג בשעת דזשאָו ברענגט זיך אַרויס פלייש מיט קאַרטאָפליעס. נאָך מיטאָג זעצן זיי פאָר די רייזע דורכן דזשונגל. ס׳איז אַ לאַנגע שטרעקע, נאָר האַרט ביים בית־הכסא אַנטדעקן זיי פּלוצלונג די פאַרלוירענע שטאָט.

פונדערוויטנס האָט די שטאָט אויסגעזען ענלעך צו דער העמדער־פאַבריק, מיט הונדערטער קופּאָלעס געמאַכט פון גאָלד, וואָס האָבן געגלאַנצט אין דער זון. אין דער שטאָט, וואו ס׳האָט זיך געטראָגן אַ שטאַרקער ריח ווי נאָך אַ דעזינפעקציע, איז אַלץ געווען אויסגעזעצט מיט דיאַמאַנטן. דזשאָו האָט זיך אַריינגעלייגט איינעם אין דער קעשענע, כדי אים אַהיימצוברענגען און געבן שמואלן פאַר זיין כלה סאַניע. די שטאָט איז געווען אינגאַנצן ליידיק, הגם זויבער און אויפגערוימט, פונקט ווי זיין מאַמע וואָלט עס געטון. אין איינער פון די אוצרות־היילן האָבן זיי געפונען אַ שפּאָגל נייעם פּאַטענטירטן סופּער־היץ דאַמף־פּרעסער, וואָס דזשאָו האָט אים אָוועקגעלייגט אויף אַ זייט פאַר מר. קאַנדינסקין.

דזשאָו און אַפריקאַנאַ זענען געגאַנגען לענג אויס אַ וועג, וואָס איז געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט זילבערנע קיזל־שטיינער. אויפן גאַנצן וועג זענען געווען אויסגעשטעלט שטאַנדן מיט שפּילפּויגעלעך און הינער און אייז־קרעם און געפּרעגלטע קאַרטאָפליעס און געגליווערטע אאַל־פיש און פּוילישע קאַרמעלקעס, און איר קענט אייך נעמען וואָס אייך געפעלט נאָר. ביים עק וועג האָט זיך געפונען אַ געוואַלדיק גרויסער פּאַלאַץ, ווי דאָס ראָקסי־קינאָ אין ווייטשעפּל, שימערירנדיק מיט קאָלירטע ליכטער.

ווי זיי זענען צוגעקומען צום פּאַלאַץ איז פּלוצלונג געוואָרן אַ רעש פון קלאַען, און הונדערטער הונדערטער איינהאָרנס זענען געקומען צו לויפן צו זיי. פאָרויס איז געגאַנגען אַן אויסערגעוויינלעך־גרויסער איינהאָרן, וואָס זיין גרויסער גאָלדענער האָרן איז געווען אויסגעזעצט מיט דיאַמאַנטן, און לעבן אים אַ מילך־ווייסער זי־איינהאָרן מיט אַ ליבלעך פּנים. אַפריקאַנאַ האָט אויסגעשריגן צו זיי, און זיי זענען צוגעלאָפן צו אים און אים באַלעקט פון קאָפּ ביז די פיס, ווייל דאָס זענען געווען זיינע טאַטע־מאַמע. אויף אַפריקאַנאָס פּאַטערס רוקן — און דאָס איז געווען דאָס בעסטע — איז געריטן דזשאָוס אייגענער פּאַטער, וועלכער האָט אַרויפגענומען דזשאָון צו זיך אויף די קני.

דערנאָך האָבן דזשאָו און זיין פּאַטער און אַפריקאַנאַ און זיינע טאַטע־מאַמע איינגעפּאַקט דעם דיאַמאַנט פאַר שמואלן און דעם סופּער־היץ פּאַטענטירטן דאַמף־פּרעסער פאַר מר. קאַנדינסקין, און זענען אַליין צוריק דורך אַפריקע אונטער דער באַגלייטונג פון אַלע איינהאָרנס, צוריק, צוריק קיין פּעשיאָן סטריט. אָט אַזוי האָט דזשאָו צוריקגעבראַכט די איינהאָרנס פון אַפריקע, וואו זיי זענען געווען פאַרלוירן די אַלע יאָרן.

יענעם נאָכמיטאָג זענען מר. קאַנדינסקי און שמואל געגאַנגען אָפּטראָגן די דרינגלעכע אַרבעט, ס׳האָט גערעגנט, און דזשאָו און אַפריקאַנאַ האָבן געשפּילט זייער אַפריקע־שפּיל אין דער ווערקשטעל.



דזשאָו האָט זיך געראַנגלט מיט אַ שטול, וואָס איז געווען דער מענטשנפרעסערישער קעניג. ס׳איז אים אָנגעקומען מיט צרות, ווייל דער מענטשנפרעסערישער קעניג איז כסדר געוואָרן אַ בעסערער ראַנגלער אַדאַנק די איבונגען. דרייענדיק זיך אַזוי כדי זיך צו געפינען אין אַ בעסערער פּאָזיציע צי קענען אים אָנכאַפּן אינם שערן־גריף, האָט דזשאָו פּלוצלונג דערזען אַ זער אַלטע פּאָר צעריסענע שיך אָנגעפּאַקט מיט שמאַטעס שטיין אים נאָנט ביים קאָפּ. ער האָט אַרויפגעקוקט. עס איז געווען איינער פון די שלעפּערס.

דער שלעפּער האָט געטראָגן אַ טוכן היטל, מיט בילעטן דערין. האָט געהאַט אַ גרויסע, רויטע נאָז און אַ שמוציקע באָרד איבערן גאַנצן פּנים. ר׳האָט געהאַלטן אַ טאָרבע אין דער האַנט, און אַ פלעשל האָט אים אַרויסגעשטאַרצט פון אַ קעשענע פון איינעם פון זיינע צוויי פּאַלטנס. זיינע קליינע רויטלעך טריבע אויגן האָבן אַרומגענומען די גאַנצע ווערקשטעל. ער האָט געפרעגט דזשאָון צי דער בעל־הבית איז דאָ, הגם ער האָט גאַנץ גוט געזען, אַז ער איז נישטאָ.

דזשאָו האָט גלייך דערקענט ווער עס איז. האָט געהאַלטן אַן אויג אויף אים, אָנשטעלנדיק די פויסטן. נאָר ווען יענער איז צוגעגאַנגען צו אַפריקאַנאַ האָט ער שיער נישט געמאַכט אַ געוואַלד. יאָ, דאָס איז ער געווען, דער מענטשנפרעסערישער קעניג. דזשאָו האָט נישט געהאַט ביי זיך נישט קיין ביקס, נישט קיין פּיסטוילן און האָט אויך נישט געקענט זיך ראַנגלען און ס׳איז געווען ווירקלעך. פון דער פּאַדלאַגע אַרויף האָט ער געשטאַרט מיט די אויגן, זעענדיק ווי דער מענטשנפרעסערישער קעניג דערנענטערט זיך אַלץ נענטער און נענטער צו אַפריקאַנאַ.

גראָד דעמאָלט, געלויבט דער אויבערשטער, האָט דזשאָו דערהערט טריט אויף די טרעפּ און שמואלס קול זאָגן, אַז ער איז פּיטש־נאַס, דזשאָו האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף די פיס און איז אַרויסגעלאָפן פון צימער. „גיך, גיך“, האָט ער געשריגן, בעת טרערן זענען אים גערונען איבערן פּנים, „גיך, גיך, גיך!“ זיי זענען אַריינגעלאָפן אין צימער אַריין און דזשאָו, בייסנדיק זיך די ליפּ, הינטער זיי.

דער שלעפּער האָט זיי אָנגעקוקט, פינטלענדיק מיט די טריבע אויגן. „ווי גייט עס אייך, בעל־הבית? — האָט ער געפרעגט. „איר האָט אפשר היינט עפּעס אַלטע שטיקלעך סחורה?“

מר. קאַנדינסקי האָט געגעבן אַ זיפץ אָפּ.

— איר האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויפן קינד, — האָט ער געזאָגט.

— שמואל, גיב אים אַ ביסל שטיקלעך שמאַטעס. אַלץ איז אין אָרדנונג, דזשאָו, — האָט ער אים באַרואיקט. — נישטאָ פאַרוואָס זיך צו שרעקן.

דזשאָו האָט נישט געענטפערט, נאָר כסדר געקוקט ווי דער שלעפּער שטאָפּט זיך אָן די טאָרבע. די גאַנצע צייט האָט ער געוואָרפן באַהאַלטענע בליקן אויף אַפריקאַנאַ, ווי ווען מיסיס אַבראַמאָוויטש גיט אים אַ קניפּ.

ווען דער שלעפּער איז אַוועק, האָט דזשאָו באַמערקט ווי ער שטעלט זיך

אפּ אויף די טרעפּ. פאַרן אַרויסגיין אויפן רעגן האָט ער אַרויסגענומען די פלאַש פון קעשענע און געטון אַ לאַנגן זופּ פון איר. דערנאָך איז דזשאָו פאַ־מעלעך אַרויפגעגאַנגען די טרעפּ און האָט אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. דער מענטשנפרעסערישער קעניג האָט זיך נישט געקענט האַלטן אויף די פיס אַקייגן ווינט. די טאַרבע איז ביי אים געווען אויף די פּלייצעס. אַ שטאַרקער ריח פון בראָנפן־שפּירטוס האָט זיך געטראָגן איבערן דורכגאַנג.

## עלי זילבערג

### מיין וואונש

1

כ׳וואָלט וועלן נאָך איינמאָל מיין יוגנט געניסן!
כ׳וואָלט וועלן נאָך איינמאָל ווערן אַ קינד,
מיט צופלאָכטענע צעפּלעך, און באָרוועסע פיסעלעך,
לויפן צולאָזן אין רעגן און ווינט.

2

אין שויס פון מיין מאַמען כ׳וואָלט וועלן מיך לייגן,
פאַרמאַכן די אויגן דערציילן איר שטיל,
ענטפּלעקן פאַר איר מיינע קינדערשע סודות,
זיך בעטן צו ווייזן אין לעבן מיין ציל.

3

כ׳וואָלט וועלן אין האַרצן זאָל ווידער אויפלעבן,
נאָך איינמאָל די פלאַם פון ליבשאַפט און גליק,
באַפליגלט פון האָפענונג איך זאָל מיך דערהויבן,
און ווערן פאַרכישופט, פון ליבע צוריק.

4

כ׳וואָלט וועלן נאָכאיינמאָל דערזען דעם בית מדרש,
די הילצערנע הייזלעך, די שטייניקע גאַס,
מיין ליטווישע שטעטל, מיט אַלע געשטאַלטן,
וואָס זיינען פאַרשוואונדן אין פייער און אש.

5

כ׳וואָלט וועלן נאָך איינמאָל מיין יוגנט געניסן,
אויסטרונקן דעם בעכער פון פרייד ביז צום סוף,
נאָך איינמאָל דערשפּירן דעם טעם פון מיין יוגנט,
און דאַן מיך אָפּגעבן דעם אייביגן שלאָף...



## שלמה אויערבאַך

### משה שמיר און זיין „מלך בשר ודם“

(צום דערשיינען פון דער איבערזעצונג פונם בוך אויף ענגליש און צום באַזוך פון מחבר אין לאָנדאָן)

כאָטש דער עיקר דאָ אין מיין סקירה — איז געבן אַ קריטישן באַריכט איבער משה שמיר׳ס היסטאָרישן ראָמאַן פון דער צייט פון ינאי המלך — דער דריטע פון מלכות בית חשמונאי — מוז איך דאָך ביים אַריינפיר ברענגען איניקע פּרטים איבערן מחבר און זיינע פריערע ווערק: — געבוירן אין ארץ ישראל, זיינע דערציאונג און אויסבילדונג יאָרן זענען געווען אין דער צייט פון פּורעניות און צרות פאַר כלל ישראל אין גלות לעגדער און אומרוען אין ארץ ישראל, פאַר דער לעצטער מלחמה און בעת דער מלחמה. — יאָרן פאַרבראַכט אין קיבוצים און קבוצות, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער מלחמת השחרור (אין דעם באַפרייאונגס קאַמף ביים גרינדונג פון דער מדינה); דערפאַר איז אויך זיין ערשט ווערק געווידמעט אויסשליסליך דעם קיבוץ און דעם איבער־לעבענישן אינם באַפרייאונגס קריג. זיינע דערציילונגן האָבן באַלד געמאַכט אַ רושם און געלויבט פון אָנגעזעענע קריטיקער; בפרט זיין ערשטער גרויסער, פּרייז־געקרוינטער סיפור „הוא הלך בשדות“ (ער האָט געשפּרייצט איבער פעל־דער) און „במו ידיו“ (מיט אייגענע הענד). דער סטיל איז נאָך געווען „געפּעפּערט“ מיט סלענג, מיט אַראַבישע, שפּאַניאָלישע זשאַרגאָניזמען, אא״וו. נישט חלילה אויס עם־הארצות אין העברעאיש, — נאָר פון דער צאַברישער „העזה“ — נישט נאָכגיין דער ליטעראַרישער טראַדיציע פון „גלות“—קלאַסיקער,—שאַפן מיט אייגענע כוחות עפּעס נייעס, אויך אַ ניי לשון... אין אָט דעם דרך זענען געגאַנגען כמעט אַלע פּראָזאַאיקער פון דער משמרת צעירה — די גרופּע „יונגע“, די מייסטען־צברים (ארץ ישראל געבוירענע). שפּעטער האָבן זיי פאַרלאָזט די דאָזיקע יונגלישע מחזקות, און מיר פאַרמאָגן איצט פון זייער גרופּע גלענצענדע העברעאישע סטיליסטן, ווי ס. יזהר, אהרון מגד אא״מ. אויך אונזער מחבר פון „מלך בשר ודם“ האָט באַוויזן צו שרייבן דעם ראָמאַן אין דער שפת המשנה, אינם דייטליכן ליטעראַרישן לשון פון יענער תקופה — (דער ליטעראַרישער לשון — גערעדט האָבן אפילו די געלערנטע תנאים אין אַ סיריש־אַראַמייעשן דיאַלעקט, קעגן וועלכן דער קאָמפּילאַטאָר פון דער משנה רבי יהודה הנשיא האָט העפטיג געקעמפט: „בארץ ישראל לשון סורסי למה?!“ (צו וואָס באַדאַרף מען אַ זשאַרגאָן אין ארץ ישראל?!).

אַ היסטאָרישער ראָמאַן, מיט העלדן און געשעענישן וואָס זענען באַקאַנט יעדן אינטעליגענטן לייענער פון דער געשיכטע, — הייסט נישט איבער־חזרן אַ היסטאָרישע תקופה אין דער פאָרם פון אַ דערציילונג — געטריי נאָך די לערביכער. אין די באַרימטע היסטאָרישע ראָמאַנען פון אַ בלייבנדיקן ווערט איז היסטאָריע בלויז אַ ראַמען אין וועלכן סע ווערט געמאָלט די תקופה מיט אירע עסקנים, די מענשן בכלל אין זייער לעבן אין וועבן, אויך דער שטיינער פון דער צייט; די היסטאָרישע געשעענישן ווערן אַנאַליזירט נאָך סיבות און

מאַטיוון, לויט די לעצטע אַרכיאָלאָגישע פאָרשונגען. אויף אזא אופן — קומען ארויס פון דער פען פון טאַלענטירטע שרייבער אַלטע באַקאַנטע מענשן און געשעענישן ניי — כּאילו היום ניתנו, ווי היינט ערשט פאָרגעקומען, א פאַרשטאָרבענע תקופה שטייט אויף תחיית המתים. און עס ווערט געלייענט מיט שפּאַנונג, כאָטש דער „העפּי ענד" אָדער דער שוואַרצער סוף איז יעדן באַוואוסט.

וואָס טולסטוי'ס „מלחמה און שלום" איז תמיד ניי — וויפיל מאָל מען זאָל נישט לייענען איז מען „געשפּאַנט", איז קיין ראייה נישט, ווייל א חוץ דעם אומפאַרגליכליכן קינסטלערישן ווערט, דעם פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פונם גרויסן זעער, איז דאָך אויך נישט אויסצושעפּן די חכמה, די לעבענס תורה וואָס מיר געפונען יעדעס מאָל אין די שורות און צווישן זיי — אין דעם אומשטערבליכן ווערק. אָבער אויך אַנדערע גרויסע שרייבער, האָבן געשאַפן היסטאָרישע ראָמאַנען פון גרויס חשיבות, מיט זייער צוגאַנג און אויספיר, למשל: פלאָבער אין „סאַלאַמבאָ" איבער קאַרטגאָ, די נאָבעל־פרייז געקרוינטע שוועדישע דיכטערין אונסעט אין איר בוך אויס דער צייט פון דער שוואַרצער מגיפה אין פירצענטן יאָרהונדערט: הערמאַן העססע אין „נאַרציס און גאָלדמונד" פון דערזעלבן תקופה.

דער ערשטער העברייאישער היסטאָרישער ראָמאַן פון באַדייט איז א. א. קאַבאַקס טרילאָגיע „שלמה מולכו" אויס דער צייט פון דער אינקוויזיציע, און בפרט אין זיין ישו־עפּאָפּייע „במשעול הצר" (אויף אַן אַנגער סטעזשקע — וואו ער האָט אריינגעפירט דעם משנה לשון אין דיכטערישער פּראָזע צום ערשטען מאָל) — קאַבאַק איז געגאַנגען אינם דרך פון אַלע באַרימטע שרייבער פון היסטאָרישע ראָמאַנען: דורך פאַנטאַזיע און גענויקענטעניש פון דער תקופה — מחיה מתים זיין לאַנג פאַרשטאָרבענע דורות.

פאַר משה שמיר אין זיין „מלך בשר ודם", אויסער פאָרם, סטיל און דיכטערישן איינבליק —זענען נאָך געשטאַנען אַנדערע פּראָבלעמעס צו לייזן: ראשית די צדוקים און די פרושים, זייער באַציאונג צווישן זיך און צום געמיינעם פאָלק. ווער פון זיי איז גערעכט. פיל ספרים פאַרמאָגן מיר איבער אָט די צוויי פאַרטייעס. אָבער די היסטאָריקער באַהאַנדלען איינזייטיג: אָדער טעאָלאָגיש, בלויז פון דער פראַגע פון פולחן, דער גאָטעסדינסט — נאָך פאַרשיידענע אויסטייטשונגען פון פסוקים, — אָדער פון נאַציאָנאַלער זייט, וואו די פרושים ווערן געשילדערט אַלס מענשן פונם פאָלק, וואָס האַלטן אויף טראַדיציאָנעלע מנהגים — און די אַסימילאַנטישע צדוקים וואָס ווילן אריינברענגען א פרעמדע קולטור. וועניג ווערט באַהאַנדלט דער פּראָסטער מענש, דער פויער אין זיין באַציאונג צו די פאַרטייען; אים גייען וועניג אָן די סכאָלאַסטישע שפּיצפינדיקייטן פון געלערנטע פרושים, פון וועלכע ער פאַרשטייט זייער קנאַפּ, נאָך וועניגער געהט אים אָן די גריכישע קולטור פון די צדוקים, — ער האָט נאָענטערע לעבעדיקער אינטערעסן: זיין חיונה, וואָס ער מוז ארויסציען פון דער ערד, וואָס איז גאָר נישט ווי צוגעזאָגט אַן „ארץ זבת חלב ודבש", נישט מילך און האָניג, בפרט אין א שנת בצורת — ווען מען וואַרט אויף א רעגן, און די ערד



איז פאַרדאַרט פון דער ברענענדער זון. פון דעם קנאַפּן וואָס מען ציט ארויס פון דער ערד, מאָנען איין די מוכסים די צינש איינגעמער, דאָפּלטן מס (צינש) פאַר זיך און פאַר דעם מלך, וועלכער ברויכט אַן אשיעור געלדער פאַר זיינע געדונגענע באַנדעס פרעמדלינגע אין זיינע אימפּעריאַליסטישע אַוואַנטיורעס.

די מוכסים, מייסטענס כוהנים־צדוקים און זייערע קרובים און שליחים מאָנען איין די מסים מיט גרויס אכזריות, ביז צו שפיכות דמים. און די תנאים, די — אין פלוג — פאָלקסטימליכע פרושים, נישט פון דער מיוחסדיקער כוהנים קאַסטע זענען זיך מתעסק אין דרשנען פסוקים, און שאַפן דינים וואָס זענען ווייט פון דער טעגליכער נויט פונם פּראָסטן מענשן דעם „עם הארץ". אויסער די מוכסים קומען נאָך די כוהנים איינמאָנען תרומות און מעשרות־און נאָך פילע „נדבות" פאַר דעם בית המקדש. און די אומצייליגע קרבנות פאַרניכטן כמעט דעם גאַנצן לעבעדיגן פאַרמעג פון א פויער: אַלע בעסטע פעלערלאָזע „תממים שאָף און רינדער...

די מוכסים — פון די צדוקים און זייערע קרובים פון די ישראלים — די רייכע סוחרים און געלט באַרגערס — מלווים — זענען געווען די אייגענטליכע הערשער אין לאַנד; דער מלך זעלבער מיט זיין שטענדיקער נויט אין געלדער איז געווען אָפּהענגיג פון די געלדגעבער און זיינע מוכסים. — זיי איבעררעדן אויך דעם מלך יאנאי מבטל זיין די שמיטה וואָס דער בית דין הגדול מיט שמעון בן שטח בראש האָבן אויסגערופן. זיי ווילן די חובות איינמאָנען, זיי ווילן נישט פריי לאָזן די קנעכט, לויט דעם דין פון שמיטה, ווייל זיי ברויכן אומזיסטיגע אַרבעטער. אינטערעסאַנט איז די „דרשה" פונם הויפּט מוכס יהודה בן פּתורא קעגן שמיטה, וואָס איז כמעט ארויסגענומען פון א מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער צייטונג: דער עבד פאַר זיין אייגענעם ווויל באַדאַרף נישט קיין פרייהייט, נאָר מער אַרבעט וועט ער נישט מורד זיין, ער וועט קיין צייט נישט האָבן דערצו אא"וו. אינם טאָן פון פרעה: „תכבד העבודה על האנשים ואל ישעו בדברי שקר" — זאָל שווערער ווערן די אַרבעט וועלן זיי זיך נישט ארומשפּילן מיט פאַנטאַזיעס...

און נאָך א גרויסע קשיא וואָס שוועבט ארויף ביים איינדרינגליכן לייענער, — ווי אזוי איז עס געווען מעגליך אַז שמעון בן שטח דער נשיא פון בית דין הגדול און זיינע חברים — יהודה בן טבאי, דער איבער פרומער יוסי פון כפר מכסיא און אַנדער באַדייטענדע פרושים, וואָס האָבן אָפּגעהיט די תורה געטריי נאָך דעם אות, פאַרוואָס האָבן זיי נישט געפּסלט אַלעקסאַנדער יאנאי, א טמא־נפש וואָס האָט געהוליוועט מיט זיינע פילגשים אין זיינע הארעמס — פון כהונה גדולה? ווי אזוי האָבן זיי געקאָנט האַלטן הייליג זיין עבודה יום כיפור? זיי זענען דאָך געווען דאָס בית דין וואָס האָט באַשטעלט א כוהן גדול.

און נישט נאָר דער כוהן גדול, די גאַנצע צדוקישע באַנדע כוהנים, עליניסטן אין זייער פאַרגניגונגען, רויבער פונם פאָלק, מערדער דורך זייערע שליחים, די רייכערע האָבן אָפּן אויסגעהאַלט הארעמס, בפרט די מוכסים פון

די בני פתורא, ווי אזוי האָבן די תנאים זיי נישט געפּסלט און האָבן זיי געהאַלטן הייליג: ווען שלומית המלכה, די שוועסטער פון שמעון בן שטח האָט אויסאייפערזוכט דורך געקויפטע מערדער באַזייטיקט אַ טאָכטער פון די בני פתורא — וואָס דער גיזבר פון בית המקדש האָט געשדכנט דעם קעניג אלס א נייע מלכה, שטראָפט זי דער גרויסע ברודער אירער נישט אזוי פאַר הרגענען א נפש — בעיקר „הרגענען איינע פון די זרע קודש — פון הייליגן אהרנס זאָמען...

דאַדורך ווערט פאַרשטענדליך וואָס די קליינע קאַסטע צדוקים האָבן געהאַט די אויבערהאַנט אין קאַמף מיט די פרושים, נישט אזוי איבער זייער מאַטעריעלער מאַכט, נאָר דורך זייער „הייליגקייט" — וואָס זייערע שאַרפסטע קעגנער — די פרושים האָבן פאַרהייליגט, דאָס איז געווען זייער הויפּט כלי זיין.

נאָר איינמאָל האָט שמעון בן שטח זיך אויפגעפירט ווי אַן ריכטיגער פירער אינם נאָמען פון דער תורה: ווען ער האָט אויפגעפאָדערט ינאי המלך, וואָס ער האָט זיך שוין געהאַלטן אליין פאַר א גאָט — ער זאָל אויפשטעהן און עדות זאָגן פאַר זיינעם א מוכס — ווי דער דין פון דער תורה, ווען א עבד מערדערט — „והועד בבעליו". דער גאַנצע סכסוך, ווען ינאי האָט פאַרלאַנגט אַז אלע דיינים זאָלן עס פאָדערן פון אים און „כבשו פניהם בקרקע" — און זיי האָבן אראָפּגעלאָזט די קעפּ, מורא האָבנדיק פאַרן דעם משוגענעם דעספּאָט, און דער פאָרוואורף פון שמעון בן שטח „בעלי מחשבות אתם" (איר האָט הינטער געדאַנקען!) (אין סנהדרין דף יט, ווערט עס קורץ געשילדערט). דאָ וואַקסט אויס שמעון בן שטח צום גרויסן קנאי — וואָס מורא שמים איז ביי אים גרעסער ווי מורא מלכות. אויך, איינמאָל ביים מלך׳ס טיש זאָגט ער דעם ינאי אַלעקסאַנדער פאַר אלע אורחים: „מלך בשר ודם" אתה (די ביזט א פּשוטער שטערבליכער). — אָבער דעם אויפשטאַנד די מרידה קעגן דעם קעניג, — פירט אָן נישט ער, נאָר אַ תלמיד פון פרושים, וואָס ער האָט זיי פאַרלאָזט, ווייל זיי גיבן זיך אָפּ מער מיט הימלישע ענינים, ווי מיט די צרות פון די מענטשן אין ווירקליכן לעבן.

דאָס איז בקיצור דער אידעאָלאָגישער תוכן פונם ספר. עס ווערט נאָך מער פאַרשטענדליך — פאַרוואָס (אין מסכת שבת) ערקלערן די חכמים דעם באַדייט פון חנוכה מיטן נס פונם קריגל אייל, און דערמאָנען כמעט גאָרנישט די גבורות — אזוי האָט זיך דאָס מלכות בית חשמונאי פאַרהאַסט געמאַכט ביים פאָלק.

ווי שוין געזאָגט באַנוצט זיך משה שמיר מיטן קורצן אויסדריקליכן לשון פון דער משנה, מיט וועלכן די געשעענישן ווערן שאַרף איינדרינגליך געשילדערט. ער פאַרלירט זיך נישט אין פיל פּרטים — ער גיט אָבער דאָס עיקרדיקע פול און גרינדליך — אַז מיר זעען עס בחוש. דאָס קאַפּיטל, למשל, פון דער פגישה פון ינאי מיט קלעאָפּאַטרא ביי א פייערליכען קבלת פנים פון פרעמדלענדישע חשובים, און די באַרימטע יפיפיה, שוין זעהר אלט, מאַכט אלץ אירע קאָקעטישע חנדלאַך מיט וועלכע זי פלעג דעראָבערן מלכים מיט



זייערע לענדער... אָבער עס העלפן נישט אלע שמירערייען, אויך געטער ווערן אלט, — דאָס דאָזיקע קאַפּיטל געהער צו די קלאַסישע באַשרייבונגען. און די מאַסן סצענען ביים מתפּלל זיין אויף רעגן און אנדערע סיטואַציעס ביי יחידים און קהל זענען כמעט פּלאַסטיש געפאָרמט.

געוואַלדיק איז געצייכנט די שוידערליכע דעראָבערונג פון עזה, כאָטש זיין צוזאָגן, ווערט די שטאָט איבערגעגעבן זיינע סאָלדאַטן אויף רויב און מאָרד, — בעת דעם מורא׳דיקן פּאָגראָם אין שטאָט — רייט ער אריין מיט זיינע באַנדיטן אין טעמפּעל פון פאַבוס־אַפּאָללאָ וואו די פינפהונדערט עלטעסטע האָבן זיך פאַרזאַמלט; די פערד „באַמיסטיקן: הייליגטימער... אויף דעם פּראָטעסט פון די זקנים ער זאָל נישט מחלל זיין דעם מקום קדוש — לאַכט ער זיי אויס „ווי האָט איר דען א גאָט" — און די שוידערלכע שחיטה פון די זקנים, — איז עפּעס פּריקרי צו לייענען, סע קומט עפּעס אויס דעם אידישן לייענער אלט באַקאַנט, — סע דערמאָנט אין גזירת ת״ח, ווען היידעמאַקעס רייטן אריין אין בתי מדרשים, ווען מיט יריעות פון דער תורה ווערן צוגעדעקט די פערד, ווען מען פאַרברענט שולן — וואו אידן האָבן זיך אנגעשלאָסן — אזוי ווי אין עזה דעם טעמפּעל פון אַפּאָללא...

איך האָב געזאָגט שמיר׳ן אַז סע וואָלט געווען בעסער אָט דאָס קאַפּיטל נישט איבערזעצן אין אַנאַדער לשון — מחמת אל תגידו בגת, נישט דערציילן דער גויעשער וועלט, דער פאַל פון עזה ווערט דערמאָנט אין געשיכטס ביכער איבער דעם נאָענטן מזרח ווען מען רעדט איבער דעם „יהודישן באַרבאַרישן מלך".

און די פילע טיפן, פּסיכאָלאָגיש געשילדערט: די מלכה שלומית, וועלכע לעבט אין שאָטן פונם קעניג, אומבאַמערקט, ווערט אָבער שלומית המלכה, זעצט דורך איר ווילן אויך קעגן ינאי — ווען זי ווערט א פרוי דורך אייפערזוכט. און נאָך א גאַנצע גאַלעריע פון טיפּן — אידישע און פרעמדע. בפרט ווערט געצייכנט גרויזאַמקייט, ווילדע תאוות, גרעסער אָבער נאָך אין דער ווילדער תקופה, אין א סביבה פון אונטערדריקער און אונטער דריקטע — שיינט די הייליגע געשטאַלט פון חוני המעגל, דער אומבאַוואוסטע הייליקער און בעל מופת, דער „רעגן־ברענגער" דורך זיינע תפילות. זיינע שמועסן מיטן געמיינעם פאָלק, די שטילע שירה אין זיינע תפילות. ווען דער מרד קומט — ווערט ער צעטראָטן פון דעם המון. אָבער דער גוטע לייענער פאַרשטייט, אַז נישט נאָר דער האַס קעגן דעם קעניג און זיין אונטערדריקער כאַפּטע קומט דער אויפשטאַנד, אפשר גאָר דורך דעם שטילן חוני המעגל — זיין עצם ארומגיין אין דער פינסטערער וועלט ברענגט ליכטיקייט, — זיין עקזיסטענץ בלויז איז שוין דערגרויסע פּראָטעסט, — קעגן די שלעכטיקייט פון דער וועלט.

פיל לערנען האָט שמיר באַדאַרפט פאַר אָט דעם ספר, לערנען צוערשט היסטאָריע פון דער תקופה, פון דער אלטער וועלט בכלל. און בפרט לערנען תורה, תלמוד, כדי באַהאַוועוונט צו זיין אין אלע דיקדוקי עניות פון מנהגים און דינים. כדאי נאָר צו לייענען דאָס קאַפּיטאל ווען ינאי המלך איז משמש

בקודש — מיט דער גאנצער עקעלהאפטער צערעמאָניע פון מקריב זיין פאַר־שידענע שטיקער, און כפרת המזבח און נאָך אנדערע פרטים — וואָס אויף דעם פלאַטץ אין זבחים און אין תמיד, אויך אין יומא, דורך דער פאַרפלאָנטעטער שקלא וטריא איז שווער צו געפונען א טאָלק, — דאָס אלעס שילדערט שמיר ביז צו אלע מינדעסטע פרטים ווי א כהן זקן ורגיל.

דער ספר איז דער ערשטע טייל פון א טרילאָגיע. דער העברייאישע לייענער האָפט אינגיכן צו געניסן דעם המשך.

## י. ביאלסקי

# דער אמבאסאדאר פון העברייאישן ווארט

(צום יובל־השבעים פון דניאל פערסקי)



דניאל פערסקי

דאס שרייבן איצט וועגן פערסקיס יובל הייסט שוין א מין „אנקומען צו עלינו“, ווייל דער ריכטיקער טאג פון דער געשעעניש איז נאך אויסגעפאלן אין י״ח באב; און פון דעמאלט אן איז אויף אונזער חשובן בעל יובל שוין אנגעשריבן געווארן גאנצע בערג.

אמת, ער אליין, אין זיין פארביקן לשון, האט זיך אויסגעדרוקט וועגן דעם יום טוב בזה הלשון: „דער טאג, ווען די קרוין פון גרויהייט וועט ארויפגע־לייגט ווערן אוף מיין פליך“. — אין אן אנדער ארט באקלאגט ער זיך, בכלל, אז ער האט, נעביך, געדארפט א גאנצן לעבן ווארטן פאר דעם כבוד; אזויפיל דורכגיין, אזויפיל דורכמאכן.

נאר דאס איז, געוויינלעך, געשריבן אין פערסקיס „סטיל“, וואס מיר קאנען אים שוין. דער אמת איז אבער, אז דער עולם האט דאס גאנץ ערנסט געמיינט. און אויב עס האנדלט זיך וועגן א קרוין, איז דאס געוועזן דער „כתר שם טוב“ אליין, וואס וויגט איבער אלע אנדערע, לויט דעם ווערדיקט פון פרקי אבות.

איך שהוא, האט אונז פערסקי מיט זיין ווערטלען זיך וועגן א קרוין געגעבן דעם שליסל צום שרייבן ביחידות, ווען אלע האבן שוין וועגן אים אזויפיל אנגעסריבן (און בתוכם דער שרייבער פון די שורות ביי פארשיידענע געלעגנ־הייטן) און דערפאר קומט אים א יישר כח.

עס זאל דא געזאגט ווערן, אז כדי צו פארדינען די מיוחסדיקע קרוין —



דעם כתר שם טוב — איז ניט גענוג פאר א שרייבער צו זיין טאלאנטירט, ראפינירט, רעדן שיין, פארפוצט בכתב ובעל פה און בשעת מעשה „שעפן נחת פון זיך“, ווי עס טרעפט ביי אנדערע פען־לייט. ניין, די קרוין גיט זיך ניט פאר דעם מין „שרייבעריי“, אלס א פראדוקט פון טרוקענעם מח און הארט־געשטאלטער פען. עס פאדערט זיך אויך א הארץ, א השתפכות הנפש מיטן לייענער, אדאנק וועלכער אלע מחיצות ווערן אפגעשאפט און עס פארקניפט זיך א קאנטאקט צווישן פארל, אמאל אויך א פריינטשאפט.

אט דער ארט שרייבן כאראקטעריזירט פערסקיס כמדבר איש אל רעהו. עס גיסט זיך ביי אים אויס אין א ספאנטאנישן פאטאס אלץ וואס האט אים אנגעזאטן אויפן הארצן, געבראכט צו התפעלות, סאי פרייד סאי ליידן. דאס איז א שרייבן פון כל עצמותי תאמרנה.

אין דער זעלבער צייט אבער, און דאס איז דער ספעציפיש פערסקישער שטריך, קען ער אייך פלוצלינג אריינפאלן אין א חברשן, לייכט־פליסיקן טאן, דערציילן א וויץ, א חכמה, און גלאט אביסל קאטאוועס טרייבן.

באמת איז פערסקי א מין „קוריאז“: ספק דענקער־פילאזאף, ספק דאס וואס די פראנצויזן רופן אן: „ל׳אנפאן פראדיג“ — א פארשייטער חברהמאן. ער מאכט אזוי לייכט קפיצת־הדרך פון איין זשאנר צום צווייטן, אזוי, אז עס פארן זיך ביי אים צוזאמען טיף דורכגעטראכטע געדאנקען, למדנות, שניידנ־דיקע באמערקונגען און אן עכט־אינטעלעקטועלער צוגאנג צו פראגן מיט גוט־מוטיקן הומאר, שטיפערישן ווי און אמאל גלאט אזוי א ליצנות. און דער לייענער פארדייעט דאס אלץ מיט גרויסן אפעטיט, ווייל דורך אט דעם קאליידאסקאפ פון שאטירונגען און שטימונגען פארשיידענע ציט זיך דורך ווי א רויטער פאדעם א טשיקאוויש, כמעט קינדערישע נאאיוויטעט, א נאטיר־לעכע עניוות, אומשולדיקייט און א טענדענץ צו מאכן יענעם גרינגער, צופ־רידענער.

עס איז כדאי צו באמערקן, אז אין פערסקיס הומאר איז ניט צו געפינען קיין שפור פון סאַטירע. ער לאכט, אבער ער שטעכט ניט; און אמאל איז אויך אַז אָך און וויי צום געלעכטער! ער ווייסט אויך ניט פון קיין „קנאת סופרים“, וואס איז אזוי באקאנט צווישן די פען־מענטשן. אדרבה, ער באגייסטערט זיך און קוועלט גאר אן, ווי נאר ער אנטדעקט ביי א חבר א געלונגענע שורה, א געראטענע פראזע. ער וועט אייך אפילו באלד עצהנען, טאמער געפעלט אים אייערס א בריוול, צו מאכן דערפון אן ארטיקל. און אז ס׳איז דא ארטיקלען, זאגט ער, מאכט מען א בוך, צוגעבנדיק, אז ער אליין טוט אויך אזוי. אזוי האט ער אנגערופן זיין ערשטן ארויסגעגעבענעם בוך, וועלכער שפיגלט אפ זיין לעבנס „אני מאמין“; „לאלף ידידים“, און האט מיט דעם נאמען גוט געטראפן.

זלמן שניאור, פערסקיס א חסיד, דריקט זיך אויס ערגעץ אויף אן ארט, אז ער דענקט אבער, אז פערסקיס חכמהנען זיך איז א מאנעוור, כדי אויסבא־האלטן זיין „איך“. נאר דאס איז דאך, במחלה, א טעות פון דעם גרויסן שניאור. פערסקין זענען אבסאלוט פרעמד מאנעוורן, ראלע שפילן. צופיל איז ער דער־

פאר אן אפענער איין־און־דרייסיק, א „טשוהדאק״, ווי די רוסן זאגן. אפטמאל דענק איך גאר, אז דאס איז א מין גארקיווסקי טיפ פון „דושא נא ראספאשקו״ — א נשמה וואס איז אפן טיר און טויערן. ער וועט אייך שטענדיק, צי מען דארף צי מען דארף ניט, אויסדערציילן אלע סודות פון זיך, פון זיין טאטן דעם מנקר, פון זיין ברודער מרדכי און אפטמאל אזעלכעס, וואס מען זאגט גארניט אויס פון חדר.

דאס אלץ איז א פועל יוצא פון א רייך־אנגעלאדענעם גייסט, וועלכער ווי א שטראמענדער קוואל שפרייט חיונה, שפע און ברכה, און אין דער זעלבער צייט פארשלעפט אויך אייניקע זאכן, וואס אומנוצלעך וואלגערן זיך ארום.

פערסקי, ווי ער האט זיך אליין בארימט, איז א געזונטער גייסט, אן סתירות, אן קאמפלעקסן. דאס האט אפשר צו זאגן מיט זיין גליקלעכן „ראמאן״, וועלכער באפליגלט אים אייביק און מאכט זיין לעבן פול מיט אינהאלט. דער נאמען פון זיין „אביעקט״ איז יעדערן באקאנט. דאס איז: השפה העברית, הברה, היפה, וועלכע איז זיין מאטא, זיין ליבע.

עס איז דאך באוואוסט, אז שלימות־הנפש איז שטארק פארבונדן מיט א הארץ, אנגעפילט מיט אידעאל און גלויבן.

ווי געזאגט, האט מען שוין פערסקין באשריבן פון אלע זייטן: אלס א ספרא רבא, פעדאגאג, ביאגראפער, פאלקלאריסט, ציוניסט, סטיליסט; אנגעוויזן אויף זיין אומגעהייערער בקיאות, למדנות און כח־הזכרון; אויסגערעכנט זיינע פארדינסטן פון שפרייטן העברייאיש אין דער יידישער גאס, באזונדערס אין אמעריקע, אנהויבנדיק פון זיין פעדאגאגיש־ליטעראַרישער טעטיקייט און פארענדיקנדיק מיט זיין „פאקנטרעגעריי״ איבער די הייזער צו פארשפרייטן העברייאישע ביכלעך, און דער צעטל איז נאך ניט געענדיקט.

איין זאך האבן זיי אבער, לויט מיין מיינונג, פארפעלט. דאס איז צו שטעלן דעם „דגש חזק״ אויף זיין גרויסן און אומדערשעפלעכן העברייאישן באגאזש וועלכער, פון א געוויסן שטאנדפונקט, שטעלט אים אין איין שורה מיט אונזער גרויסן ר׳ נחום סאקאלאוו, ז״ל. איך וואלט זיך אפילו ניט געשעמט זאגן, אז ער איז איצט ביי אונז סאקאלאוו אין מיניאטור. ביידע זשאנגלירן, ווארפן ארויס, כלאחר יד, פראזן, חידושי־לשון, אויסדרוקן און ווערטער געשאפענע מניה לביה. דער חילוק איז נאר וואס ביים שיינענדיקן בעל מוח ר׳ נחום סאקאלאוו, איבערפולטן, איבערלאדענעם מיט העברייאישע רייכטימער מדורי דורות גייט דאס אלץ אומבאוואוסטזיניק, שפילנדיק, אין דער צייט, ווען ביי פערסקין פילט זיך, אז ער רעאגירט, שעפט נחת פון יעדן אויפטו אין דער שפראך, וועלכע ער האלט נאך אין איין לערנען. ער האט אליין זיך ערגעץ אויסגעדרוקט: א ווען איך קאן העברייאיש גוט, וואס וואלט מיר געפעלט!

מיר באגריסן דעם „פלייסיקן תלמיד״ און שליסן מיט א תפלה קצרה אין זיין „הויך געשעצטער און פיל געליבטער״ שפה עברית, באנוצנדיק זיך מיט זיינע אייגענע צוויי ווערטער־וואונטשן:



יחי רצון ש„המשך יבא״ בעבודתך הפוריה והענפה כחלוץ־השפה העברית ואחד לוחמיה ומציבי־דלתיה מנוער ועד זקנה ו„שיבה״ ועד בכלל. ויקוים בך: אשר זקנתך שלא ביישה את ילדותך. כה לחי!

## אליהו פאלושאק

### ס׳איז קיינמאל נישט צו שפעט...

ווען איך בין מיט עטלעכע יאר צוריק, נישט פאר אייך געדאכט, געלעגן אינם גרויסן לאנדאנער האספיטאל מיט א קראנק הארץ, האט מיר איינער פון מיינע ענגליש־רײדנדיקע פריינט מיט א גוטער און באזונדערער כוונה געברענגט א מתנה, א דין ביכל פון קנאפע צוויי הונדערט זייטן מיטן טיטל „אין אינגלאנד ענד אין אינגליש״*, א זאמלונג פון מאדערנע דערציילונגען, רעדאקטירט פון וויליאם גאלדמאן, דעם מחבר פון „איסט־ענד מיי קריידל״ (די איסט־ענד איז מיין וויג). ערשט אינעווייניק, ווען מען עפענט די טאוועלן, זאגט עס ערשט: „א זאמלונג פון מאדערנע דערציילונגען פון יידישע שרייבער״. דער הינטערגעדאנק פון מיין פריינט איז געווען, (אזוי מיין איך) מיר צו באווייזן, אז נישט נאר אין יידיש, וועמענס ליטעראטור איך פלעג ביי יעזער געלעגנהייט צו לויבן און דערהויבן ביז אין די הויכע הימלען, נאר אויך אין ענגליש קענען יידישע שרייבער און דערציילער שרייבן אויף יידישע און גישט־יידישע טעמעס. דער טיטל פונם ביכל „אין אינגלענד ענד אין אינגליש״ קלינגט אויף צוויי אופנים: „פראוואקאטיוו״ (נישט מיט קיין שלעכטער כוונה) און אפאלאגעטיש, און לייענענדיק דאס ביכל וועט איר גארנישט וויסן, צו וועלכער ליטעראטור איר זאלט די דערציילונגען און עפיזאדן צוציילן: צו זער יידישער אדער ענגלישער. איך בין זיכער, אז ביי דער רעזערוווירטקייט פונם דורכשניטלעכן ענגלענדער וועט דאס ביכל נישט האבן דעם מזל צו ווערן צוגערעכנט צו דער ענגלישער ליטעראטור. כאטש געשריבן אין ענגליש, זיינען מחברים און דער גרעסטער טייל פון די העלדן פון זייערע דערציילונגען אין מהות, מיליע, כאראקטער און גייסטיקער פעריפעריע צו פרעמד און אין דיסטאנץ צופיל דערווייטערט פון דעם, וואס איז טיפיש ענגליש.

איך זאג דאס דא מחמת... און אין צוזאמענהאנג פונם גרויסן געראנגל, וואס קומט פאר אין יידיש־לאנד און אין דער יידישער ליטעראטור, וואס איז אייגנטלעך מער א געראנגל ארום דער יידישער ליטעראטור. ס׳איז א גרויסע, רייכע, איבער־רייכע יידישע ליטעראטור אין אלע זשאנרען. ס׳עז־שיינען נאך ברוך השם, וואגיקע און ערנסטע ליטעראַרישע פעריאדישע אויסגאבעס אין יידיש. עס זיינען נאך דא יחידים און גרופעס, וועלכע זיינען זיך מוסר נפש גייסטיק און מאטעריעל, אז די דאזיקע אויסגאבעס זאלן דער שיינען. און דאך פעלט עפעס דער יידישער ליטעראטור אין איר גרויסער און טראגישער איינזאמקייט אינם צעזייטן און צעשפרייטן יידיש־לאנד. עס פעלט איר דער קאמף־גייסט פון אמאל, די הערקולישע כחות צו שטייגן ווייטער נארג ארויף, העכער און העכער, (אויב נישט נאך העכער!) און אין באגייסטערונג מיטצו־

רייסן יונג און אלט, ווי מיט אַ דור און צוויי דורות צוריק. טא וואָס זשע פעלט דער יידישער ליטעראטור? חוץ לייענער, אפנעמער פונם געשאַפענעם גייסטיקן באַגאַזש, חוץ גרויסע מאסן קאנסומענטן און מיטקעמפער, פעלט דער מדישער ליטעראטור גארנישט.

אַן אנגעווייטיקט פראָבלעם, וואס לאזט זיך נישט אזוי פשוט פאַרענטפערן מיטן ווערטל: „יידיש שטארבט אפ!“ דאס איז פון די משכילים טוין געזאגט געווארן מיט הונדערט יאר צוריק, ווען ס'איז נאך נישט געווען קיין יידישע ליטעראטור. דאס קעגנטייל איז געשייען: נישט נאר ס'איז אויפגעקומען אַ יידישע ליטעראטור, פרעסע, פובליציסטיק און מער אדער ווייניקער טעאטער (דאס, וואס מע שפילט אין לאנדאן קען מען נישט אנרופן טעאטער — יידיש טעאטער), נאר ס'איז געשאפן געווארן א גאנצע וויסנשאפט ארום יידיש. יידיש איז נישט נאר געווארן א ליטעראטור־שפראך מיט אלע פיינקייטן, רעגעלן, גראמאטיק אין עטימאלאגיע און סינטאקסיס, ליטעראטור־געשיכטע, פאלקלאר־פארשונגען, סאציאלאגיע און לעקסיקאנען. ס'איז אויך געוואָרן א שולשפראך, מיט וועלכער עס האבן זיך אנגעהויבן צו באנוצן הונדערט־טויזנטער יידן, פאר וועמען יידיש אלס לשון און שפראך־מעדיום איז געווארן א באשטאנדטייל פון זייער זיך־אויסלעבן אלס מאדערנע מענטשן אין דער אייראפייאישער (און שפעטער, אמעריקאנישער און דרום־אפריקאנישער) קולטור־וועלט.

יידיש־לשון אלס פאלקס־שפראך איז אן אוצר פון אידיאמען און פאלקס־ווערטלעך, רייך און זאפטיק, פרייגעביק און מכניס אורחדיק, רזבותדיק און צעפלאשעט, גאנץ אין היפוך צו דער יידישער ארעמקייט, צו דער סביבה, ווי מען האט גערעדט נאר יידיש. אזוי איז אויך די יידישע ליטעראטור אין די ערשטע תקופות און דורות אנגעזאפט מיט דער עשירות פון די פאלקס־אידיאמען. די יידישע ליטעראטור איז א פאלקס־און פאלקסטימלעכע ליטעראטור. אין וועלכער אנדערער שפראך האבן יידן, יידישע שרייבער געשאפן אזעלכע ווערק ווי „פישקע דער קרומער“, „מסעות בנימין השלישי“, „טביה דער מילכיקער“ „צווישן צוויי בערג“, „די גאלדענע קייט“ אדער אפילו א „מאניש“ (דאס ערשטלינגסווערק פון י. ל. פרץ ז״ל אין יידיש)? אודאי האבן יידן גרויסעס געשאפן אין פרעמדע ליטעראטורן אין די לעצטע 150 יאר. חוץ היינע, וועלכער האט געשאפן פאר די דייטשן אדער קאסמאפאליטע פראנצויזן, זיינען כמעט אלע פארגעסן אדער זייערע ביכער זיינען געווארן פארשימלט אדער פארברענט אויף די „מאדערנע“ נייצייטיקע אויטא־דא־פעס. פראנץ ווערפל, איינער פון די טאלענטירטסטע נאוועליסטן און דראמאטיקערס אין פארמלחמהדיקן דייטשלאנד, האט זיך געהאלטן פאר א דייטשן קולטור־טרעגער. זיין „מאקסימיליאן און וואַרעז“ האט אים געמאכט וועלט־בארימט. ווען זיין „פאולוס אונטער די יודן“ איז דערשינען אויפן ביכער־מארק, האב איך געהאט א געלעגנהייט צו האבן א שמועס מיט אן איינפלוסרייכן דייטשן קולטור־טרעגער. ווען איך האב אויסגעדריקט מיין באוואונדערונג פאר ווערפלס



נייע שאפונג, דעם „פאולוס“, האט ער מיר מיט כעס און טויטאנישן שטאלץ געענטפערט: „מיר דייטשער ווארפן אפ ווערפלן און זיינע געשיכטלעכע אינטער־פרעטאציעס!“ און דאס איז געווען אינם יאר 1928, 5 יאר איידער היטלער האט באקומען די אויבערהאנט אין דייטשלאנד.

בלייבן מיר ביי יידיש און יידיש־לאנד. און ווו איז יידיש־לאנד? יעדן ווינטער קומט איצט פאר „א וואך פארן יידישן בוך“ אין וואבורן־הויז. ס'איז מיר שוין מיט עטלעכע יאר צוריק אויסגעקומען איבער דעם צו שרייבן, און איך וויל עס דא נישט מער איבערחזרן. דאס יאר, האט מען מיר געזאגט, וועט די אויסשטעלונג אין וואבורן־הויז זיין אזוינס און אזעלכעס. עס וועט איבערשטייגן אלע פארויסגעגאנגענע פאראנשטאלטונגען, און עס וועט זיין א באזונדער ווינקעלע און א באזונדער אוונט געווידמעט דעם אומפארגעסלעכן „קינד און טרוימער פון געטא“, איזראעל זאנגוויל.

יא, די אויסשטעלונג איז געווען צום פאר בלענדן די אויגן: מיט פיל ליכט און ריינקייט. דער איזראעל־זאנגוויל־אוונט איז געווען אראנזשירט פון דער אנגלא־דזשואיש אסאסיישן, אן ארגאניזאציע, וועלכע האלט ניט פיל פון אן אייגענער יידישער קולטור־טעטיקייט אין די גרעניצן פונם ענגלישן שפראך־קרייז. אבער עפעס מוזן זיי דאך אויפטון און ברענגען באווייזן פון זייער עקזיסטענץ־בארעכטיקונג. האבן זיי גענומען דעם פארגעסענעם זאנגוויל און אים געשטעלט צווישן די שיינווארפערס פון א גרויסן יידישן אודיטאריום.

און כאטש די אנגלא־דזשואיש אסאסיישן שטייט אויפן אפאלאגעטישן שטאנדפונקט „אין אינגלאנד ענד אין אינגליש“, איז דער אוונט געווען יידישלעכער, ווי מען האט עס געקאנט דערווארטן פון אן ארגאניזאציע מיט אסימילאטארישן טענדענצן. פון די דארט געהאלטענע רעדעס און אפשאצונגען איבער דעם מענטש זאנגוויל און זיין שאפן איז געקומען צום אויסדרוק: ערשטענס, אז חוץ בענדזשאמין דיזראעלי האט ביז איצטער נאך קיין יידישער שרייבער אין ענגליש דערגרייכט זיין הויכע מדרגה, און צווייטענס, ווען מען זאל פרעגן: „געהערט זאנגוויל מיט זיינע שאפונגען אין ענגליש צו דער ענגלישער ליטעראטור?“ וועט מען מוזן ענטפערן: „ניין! מיט זיינע קעמפערישע יידישער טעמעס געהערט זאנגוויל אויסשליסלעך צו דער יידישער ליטעראטור“. אזא מין פסק דין אין דער לעצטער שעה פון דער הייאריקער „וואך פארן יידישן בוך“ איז אויך נישט קיין קלייניקייט, וואס מען קען אזוי לייכט פארגעסן.

אודאי געהערט דער שאפער פון די „קינדער פון געטא“ און „טרוימער פון געטא“ צו דער יידישער ליטעראטור. ס'איז שוין איבער פערציק יאר, ווי זיינע ווערק זיינען געווארן איבערגעזעצט אין יידיש. אין אלע יידישע ביבליאטעקן פון רוסלאנד, פוילן און ליטע האט איר געקאנט געפינען זאנגווילס ווערק אין יידיש, און יידיש־לייענער, האבן אים שוין דאמאלס צוגערעכנט ווי א היימישן צום מנין.

כאטש ער האט געשריבן אין ענגליש, האט זאנגוויל אלס שרייבער און

נאוועליסט געהאט עפעס בשותפות מיט זיינע קאליגן־שרייבער פון רוסלאנד, פוילן און ליטע. ווי זיי, אונדזערע קלאסיקער, די זיידעס און טאטעס און אייניקלעך און אוראייניקלעך פון דער יידישער ליטעראטור, האט ער געהאט א וויזע און א שליחות. מענדעלע און שלום עליכם, פרץ און דער העברייער ביאליק, וויייסנבערג און שלום אש — יעדער פון זיי האט אויף זיין אופן געהאט זיין שליחות און זיין וויזיע, און די אנדערשקייט פון יעדן פון זיי האט א סך בייגעשטייערט צום ליכטקן פארביקן רעגנבויגן פון דער יידישער ליטעראטור.

און פון אט דעם ליכטיקן פארביקן רעגנבויגן איז חוץ זאנגווילן קיין זכר נישט געווען אויף דער אויסשטעלונג. ענגליש און העברייאיש, פארשידענע אויסגאבעס פון תנ״ך און רעליגיעזע ספרים (אין ענגליש און העברייאיש), א גאנצע אפטיילונג איבער מדינות ישראל (וואס איז גאנץ נאטירלעך), אבער יידיש איז נישט געווען פארטרעטן אויף דער היי־יאריקער אויסשטעלונג. און עס זעט אויס, אז מען נעמט שוין דאס אזוי פאר זעלבסט־פארשטענדלעך, אז העברייאיש און ענגליש, ענגליש און העברייאיש (אין אינגלענד ענד אין אינגליש) זיינען די שפראך פארמיטלער פארן גאנצן יידישן ישוב דא אין ענגלאנד.

און ווו איז דער יידישער ליטעראטן־און זשורנאליסטן־פאריין? און ווו איז די קולטור־אפטיילונג פונם יידישן וועלט־קאנגרעס? צוויי ארגאניזאציעס מיט א ביורא־אפאראט און אזויפיל „מאכערס״? מען האט געקאנט דערווארטן, אז עמיצער פון זיי צוזאמען מיט דעם „ייווא״ וועט קענען אויף דעם געביט פון א יידיש־באטייליקונג אין דער „וואך פונם יידישן בוך״ עפעס אויפטון. פארוואס נישט צוגרייטן פארן קומענדיקן יאר א מענדעלע מו״ס וואך? א גאנצע וואנט: מענדעלע מוכר ספרים, מיט ביכער סקיצן, צייכענונגען, סקולפטורן, מאנאגראפיעס. ברענגט ארויס מיט דער הילף פון אונדזער היימישע פלאסטישע קינסטלער א לעבעדיקן בנימין דעם דריטן, סענדערל די יידענע, ברענגט ארויס אין בילד און סקולפטור דאס טראגי־קאמישע פון גלופסק און קבצאנסק, פון די מענטשעלעך מיט די קליינע השגות. ווייזט דא די יידן, וואס א גוי, א פאלאק האט געקאנט טון מיט 50 יאר צוריק, בשעת ער האט איבערזעצט מענדעלעס „די רייזע פון בנימין דעם דריטן״ אלס „זשידאווסקי דאן קיכאט״ (טעאדאר יעשקע־כאאינסקי האט איבערגעזעצט דאס באקאנטע ווערק אין פויליש). א יידישער דאן קיכאט אין סקיצן און אילוסראציעס וועט אן שום ספק אויך צוציען דעם אינטערעס פון דער יוגענט.

אפשר וועט איר זאגן, אז איך בין א בטלן און טשעפע מיך צו צו א פוילער זאך. עס קען זיין. אבער איך וועל אייך ענטפערן, און איר וועט מיט מיר מסכים זיין, אז מען טאר זיך נישט אויסרוען און זיצן אויף די שוין־פארפוילטע לארבערקראנצן פון אמאל. ווען יעדעס יאר עס קומט פאר „א וואך פארן יידישן בוך״, דארף די יידיש־יידישע ליטעראטור דארט זיין פארטרעטן, און די, וועלכע האבן אלס אידעאליסטן אוועקגעגעבן זייער צייט און זייערע ענערגיעס פארן פארשפרייטן פון דער יידישער ליטעראטור און קולטור דארפן אויך זיין דארט



פארטרעטן. אזוי שיין, ווי די היי־יאריקע בוך־אויסשטעלונג איז אויך געווען, פעלט איר עפעס, וואס נישט ענגליש און נישט העברייאיש קענען עס אויספילן. די יידישע ליטעראטור איז א פאלקסטימלעכע ליטעראטור. דאס יידישע בוך איז א פאלקס-בוך. מיט דעם צוריק־ברענגען פונם יידישן בוך אויף א לעבעדיקן אופן: לעבעדיק אין בוך, אין בילד און אין פלאסטישער קונסט וועט איר אויספירן א גרויסע שליחות: ברענגען דאס בוך צום פאלק און דאס פאלק צום יידיש־יידישן בוך. ס׳איז קיינמאל נישט צו שפעט!

ס. לעף

## „יידן און די נאציאנאלע פראגע״

פון פראפעסאר היימאן לעווי,

פראפ. ה. לעווי איז א באוואוסטער מאטעמאטיקער, וועלכער האט פארפאסט א צ:אל וויסנשאפטלעכע ביכער, ווי „די מאדערנע וויסנשאפטע, פילאזאפיע און דער מאדערנער מענטש״, „די וועלט און די וויסנשאפט״ און א ריי אנדערע; אלע אויף ענגליש.

א לאנג־יאריקער מיטגליד פון דער ענגלישער קאמוניסטישער פארטיי, איז ער געווען איינער פון דער קאמוניסטישער־פארטיי דעלעגאציע, וואס איז געפארן אונטערזוכן די לאגע פון די יידן אין סאוויעטן־רוסלאנד. האט מען זיך טאקע געמעגט ריכטן, אז די רוסישע רעגירונג וועט אן אייגענעם, אייגענעם מענטשן זיכער געבן אלע מעגלעכקייטן צום אויספירן זיין מיסיע. אוודאי וועט מען נישט לאזן פרעמדע זעען וואס עס טוט זיך אינם פארכישופטן לאנד — ס׳קען זיין גענוגנדיקע סבות דערפאר — אבער מיט אן אייגענעם קען מען דאך זיין זיכער!...

נאר אין אט דעם דאזיקן בוך דערציילט אונז פראפ. לעווי, אז ווען ער האט געוואלט רעדן מיט יידן, האט מען געברענגט צו אים רעליגיעז־ארטאדאקסישע... לויט זיין מיינונג, האבן די באאמטע טאקע געגלויבט, אז די דעלעגאטן ווילן רעדן בלויז מיט רעליגיעזע יידן!

נישט די רוסישע חברים זיינע, נישט די רעגירונג האבן אפגעגעבן וועלכע עס איז דערקלערונג וויאזוי אין א לאנד, וואו דער מארקסיסטישער קאמוניזם ווערט איינגעפירט, האט געקענט אנטשטיין א קולט פון דער פערזענלעכקייט. איז דאך דאס רוסישע סיסטעם אין סטאלינס צייט געווען מער ענלעך צו בארבאריזם ווי צו סאציאליזם.

די דערקלערונגען, וואס די דעלעגאטן האבן באקומען, פארוואס מען האט דערווייטערט — (דערמארדעט!) די חברים טראצקי, זינאוויעוו, קאמעניעוו און אסך אנדערע, וואס האבן אזויפיל אויפגעטון צו מאכן די רעוואלוציע דערפאלגרייך, קלינגען פאנטאסטיש און אומגלויבלעך. בעריא, סטאלינס רעכטע האנט, זאל עס האבן צוגעגרייט די אלע פאלשע באשולדיקונגען קעגן די יידישע דאקטוירים... ווער ווייסט צי זיי וואלטן נישט אומגעבראכט געווארן, ווען סטאלין וואלט געלעבט אביסל לענגער.

פראָפ. לעווי וואונדערט זיך פאַרוואָס נאָך כרושטשעווס דעמאַסקירן דעם קולט פון דער פּערזענלעכקייט אויפן צוואַנציקסטן קאָנגרעס פון דער רוסלענדישער קאָמ. פּאַרטיי איז דער קולט פונם דיקטאַטאָר נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן. פרעגט ער טאַקע, אַזוי נאַאיוו, וויאַזוי דאָס איז מעגלעך אין אַ מאַרקסיסטיש לאַנד? זאָלן דאָך די רוסישע חברים אים דאָס געבן צו דערקלערן...

אין אַן אויספירלעכער אָפּהאַנדלונג, קומט ער צום אויספיר, אַז היסטאָריש־פּרינציפּיעל, און אַפילו לויט סטאַלינס אייגענעם אַנאַליז, דאַרף מען יידן אין רוסלאַנד פאַררעכענען פאַר אַ פאָלק צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער, וועמעס שפּראַך און קולטור ווערן געשטיצט פון דער רעגירונג. ווי אַנדערש זאָל מען זיך דאָס פאָרשטעלן אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד? גיבן דאָך אַפילו קאַפּיטאַליסטיש־דעמאָקראַטישע רעגירונגען פולע רעכט זייערע מינאָריטעטן אין זייערע לענדער! אָבער נאָך זייענדיק אין רוסלאַנד איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די רעגירונג גופא דערלויבט נישט די יידן קיין שום קולטורעלע טעטיקייטן; עס גייען נישט אַרויס קיין שום יידישע צייטונגען, נישטאָ קיין יידיש טעאַטער, קיין קינדער־שולן, קיין יידישע ביכער; די בעסטע יידישע שרייבער זענען „ליקווידירט געוואָרן“!

אַן אינטעליגענט יידיש פאָלק וועט אַזוי גיך נישט פאַרגעסן זיינע פּאָעטן, פעפער און מאַרקיש, וועלכע זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין די רוסישע טורמעס.

בכלל, ווערן יידן באַהאַנדלט ווי אַ פאָלק פון צווייטער קלאַס. עס איז בלויז אַן אויסרייד, אַז די יידן אין רוסלאַנד אינטערעסירן זיך נישט מיט יידיש. קיין ייד זאָגט דאָס נישט. אָבער אין די פּאַספּאָרטן ביי יידן צייכנט מען נאָך אַלץ אויף „יעווריי“.

נישטאָ שוין מער קיין יידן אין צענטראַל קאָמיטעט פון דער רוסלענדישער קאָמ. פּאַרטיי, נישט אין די העכערע אינסטאַנצן פון דער רעגירונג. דער ייד איז בלויז אַ בירגער ווען ס׳איז אַ פראַגע פון פליכטן, נאָר אַ פרעמדער ווען ס׳קומט צום גענִיסן בירגער־רעכט!

אַט דאָס אַלץ טראָגט דאָך אויף זיך דעם קלאַסישן חותם פון אַנטי־סעמיטיזם, און צו זאָגן, אַז עס איז בלויז די שולד פון איין דיקטאַטאָר, מוז מען דערקלערן די מאַרקסיסטן־קאָמוניסטן אין אויסלאַנד נאַאיוו און אָן פאַרשטאַנד. אַזעלכעס קען בשום אופן נישט פּאַסירן אין אַ חלל, אָן דער מיטהילף פון כלערליי מענטשן. צוליב דעם מוז מען זיך תמיד אויסהיטן פון אַ בלינדן גלויבן.

פראָפ. לעווי ווייזט אונז ווי רוסלאַנד נויטיקט זיך אין דער סימפּאַטיע פון אַלע פעלקער און בתוכם די יידן אין אויסלאַנד. ווענדט ער זיך טאַקע צו דער רוסישער רעגירונג, אַז זי זאָל איינזעען איר טעות און ווידער געבן יידן פולע רעכט אַלס אַ פאָלק, דערלויבנדיק זיי צו האָבן אייגענע קינדער־שולן, ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן און אויך אַ טעאַטער, ווי דאָס ווערט געטון פאַר די אַנדערע פעלקער פון סאָוויעטן רוסלאַנד. דעמאָלט ערשט וואָלט דאָס



סיסטעם דאָרט געווען ווירקלעכער סאָציאַליזם. און די קאָסטן אויף צו שטיצן די יידישע קולטור וואָלטן נישט באַטראָפן קיין סך פאַר אַזאַ גרויס לאַנד ווי רוסלאַנד, בעת דערפאַר וואָלט די רעגירונג געוואונען סימפּאַטיע און אָנערקענונג ביי אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן נישט בלויז צווישן יידן, נאָר אויך ביי אַנדערע פעלקער. אין אַזאַ פאַל וואָלט דאָך שוין קיינער נישט געקענט לייקענען, אַז רוסלאַנד איז באמת אַ סאָציאַליסטיש לאַנד!

לעצטנס האָבן מיר געהאַט אַסך דערקלערונגען פון קאָמוניסטישע בעלי־תשובה, וואָס זענען זיך מתוודה אויף זייערע פריערדיקע „זינד“. נאָר פּראָפ. לעווי איז נישט איינער פון יענע, ער טוט אַלץ נישט קיין „תשובה“. אין דער הקדמה צו זיין בוך דערקלערט ער זיך נאָך אַלץ ווי אַ מאַרקסיסט־קאָמוניסט, מיט אַ פעסטן גלויבן, אַז אין רוסלאַנד ווערט יאָ איינגעפירט דער מאַרקסיזם־קאָמוניזם. אָבער די שלעכטסקייטן דאָרט, לויט אים, זענען בלויז „שווערע טעותן“.

משמעות, פאַרשטייען דאָס נישט זיינע רוסישע חברים, און אונזער פּראָפעסאָר פילט, אַז ער מוז זיי לערנען דעם ווירקלעך אמתן מאַרקסיזם.

פון דער צווייטער זייט, דענקט ער פאַרשטייען ווייניק מענטשן אין אויסלאַנד, יידן איינגעשלאָסן, די אויסערן פּאָליטיק פון סאָוויעט־רוסלאַנד. דעריבער באַמיט זיך פּראָפ. לעווי אויפצואווייזן ווי נויטיק ס׳איז פאַר רוסלאַנד צו האַלטן פּוילן, די טשעכאָסלאָוואַקיי, רומעניען, בולגאַריען און אַנדערע לענדער; ווי ריכטיק ס׳איז דאָס שטיצן נאַסערן און די אַראַבער בכלל; אַז אַפילו דאָס באַהאַנדלען מדינת ישראל ווי אַ שונא איז אויך ריכטיק... ממילא איז שוין אוודאי און אוודאי ריכטיק ווי מען באַהאַנדלט יידן אין רוסלאַנד גופא! האָבן זיי דאָך אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע מיט מדינת ישראל.

מסתמא אַלס מענטש איז פּראָפ. לעווי ערלעך און סימפּאַטיש. אָבער עס איז שווער צו גלויבן, אַז ער אַליין האָט געגלויבט, אַז זיינע חברים און די רוסישע רעגירונג וועלן אים צוטיילן כבוד פאַר זיין אָפּנהאַרציקער דערקלערונג, וואָס שטעלט אַזוי בולט פעסט די נעגאַטיווע זייט פונם סאָוויעטישן רעזשים.

וואָס, אייגנטלעך, האָט אים באַוואויגן צו שרייבן זיין בוך? לייענענדיק די הקדמה צום בוך, פילט מען ווי איבערצייגט ער איז אַליין, איבערהויפּט ב׳י זיין אַנאַליז פון דער יידישער לאַגע, אַז עס דראָט דעם רוסישן יידנטום אַ לאַנגזאַמער אָבער אַ זיכערער טויט. בולט קומט דאָס צום אויסדרוק ווען ער זאָגט:

„עס איז פאַראַן אַ צייט פאַר רעדן, און אַ צייט פאַר שווייגן. אַסך פון מיינע פריינט האַלטן עס איז אַ צייט פאַר שווייגן. איך בין נישט מסכים מיט זיי, איך שטים נישט איבעראיין מיט מיינע חברים, וועלכע פאַרמאַכן די אויגן, כדי נישט צו זען דאָס נעגאַטיווע אין די קאָמוניסטישע לענדער דער הויפּט־מאָטיוו פון מיין בוך איז — איך בין אַ ייד, און מיך באַאומרואיקט דער גורל פון מיין פאָלק!“

עס קען גריילעך זיין, אז אויב פּראָפ. לעווי וואָלט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון, אַז דאָס איצטיקע רוסלאַנד איז נישט מער ווי אַ שטאַאַט־קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, וואָלט אים געוואָרן קלאָר וואָס איז אים איצט אַזוי שווער צו פאַרשטיין...

עס.

## דער אינטערוויו אויף דער טעלעוויזשן

1

... ער האָט אים געהאַלטן ווי אַ לייב אונטער גראַטעס מיט זיינע שטיל־שטאָלענע בליקן, די אייזערנע אַרגומענטן האָבן אים פאַרוויקלט ווי אין אַן אַנגעדרייטער דראָט, און ווי אַ פייפנדיקע בייטש האָט עס געפּיפּן איבער זיין אויפגערעגט־צעשויבערטער גריווע.

אָבער דער באַזיגטער לייב איז דאָך אַרויס דער בעל־נצחון! ווייל ווי זאָגט עס דער חכם מכל אדם: „בעסער אַ לעבעדיקער הונט ווי אַ טויטער לייב"... ער איז געבליבן דער אונטערטעניקער קאָמוניסט; דער עקאָנאָמיסט־מאַטעמאַטיקער אויף דער שול־באַנק פון — 2+2=4

יאָ, ליבער פּראָפעסאָר לעווי, עס איז זער שווער צו דערגרייכן די מיס־טיש־שעפערישע גמטריאות־געאָמעטריא, יענעם אַסטראָנאָמישן צירופים־ציפער, וווּ אפילו דער דרעסירטסטער לייקאַ קאָן אויך נישט אַהינקומען, וווּ 2+2=5

איר פאַרשטייט נישט אַזאַ מין חשבון? איך פאַרשטיי אים אויך נישט!...

אָבער זעענדיק אייערע פינגער, ווי זיי וואָלטן געסטראָיעט אַ פידל האָבן זיי אויסגעזען — — דער אונטערוויוער, וואָלף מאַנקעוויטש, האָט נישט אונטער־וויוט, ער האָט ווי אַ פּאָעט, ווי אַ גראַמען־מייסטער געטראַכט אין פּערזן, און אייערע פינגער האָבן געציילט זייער אומגעהערטן טאַקט אויף דער דינסטער קווינטע — ווי האָט איר געמוזט איינהאַלטן דעם ציטער פון אייער האַרץ!

10, 20, 30, אין די צענדליקער זיינען זיי דאָך אויסגעשאָסן געוואָרן אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד די סאָוויעטישע יידישע שרייבער —

ווי שטיל די אַרענע־סצענע איז דאָס געווען און ווי געהילכט האָבן די שאָסן! צוויי גערהאַטענע יידישע קינדער, פון רוסיש־יידישע עמיגראַנטן, וואָס לערנען זיך צוריק איינצושפּילן דעם סודותדיק יידישן פאַרגעסענעם ניגון, האָבן זיי דעמלט אויסגעזען, די צוויי ענגלישע באַרימטע שרייבער.

2

זעענדיק וואָלף מאַנקעוויטשעס גלאַדיאַטאָרן־קאַמף אויף דער אָפענער אַרענע פאַרן יידישן וואָרט, פאַר דער יידישער פּאָעזיע פאַר דער יידישע „פּאָעמע" האָב איך נאַטירלעך געהאַט גרויס הנאה ווי יעדער אַרענאַ־צושויער און אים צוגעוואָרפן מיין רויטסטע רויז מיט גרויס באַגייסטערונג.

אָבער איך ווייס נאָך באמת נישט צי 30 יאָר לעבן אין שעפערישער הרחבה, ווו וואָלף מיט לאָם עסן פון איין שיסל און צוזאַם מיט דער קו קייעט הער לייב דאָס שטרוי, און צום סוף פאַרציקט ווערן אין אַ מתית קדושים, צי



איז עס נישט עסטעטישער ווי אַ הינטיש לעבן, וואָס טראָגט זיך רק אַרום מיט פריש צאַפּלדיקע פּאָעמעס און מויל, ווי אַ סוקע מיט אירע גראַטעווועטע הינטעלעך, נישט האַנדיק זיי וווּהין צולייגן?

יאָ, אמת, עס איז טאַקע בעסער, אַזאַ פּרינציפּ־הינטיש לעבן, ווייל ווי זאָג אונזער קלוגער קעניג, שלמה המלך: „כי טוב כלב החי מארי המת", אָבער גאַנץ ווייט פון אייראָפּעאישע עסטעטישקייט, אַזוי צוזאָגן, איז עס.

ליבער מאַנקעוויטש, נישט בלויז איז די רוסישע קאָמוניסטישע דיקטאַטור געשטאַנען צום משפט אין יענער נאַכט פאַר צוויי געשווירענע, נאָר אויך די אַסימילאַציע פונם עמאַנציפּירטן יידנטום אינם צעפאַלענעם אייראָפּע.

יאָ, דער חזיון פון די נביאים איז געטלעך! און נאַטירלעך איז דער וואָלף אין זיין שטאַרבן הונגער, ווען עס ציט אים צוריק אין וואַלד אַריין, אָבער אייביק איז די הייליקייט פונם לאָם, וואָס זיין בלוט ווערט געשפּרענגט אויפן מזבח פון לעבן — — —

באמת, נישט ווייניקער ווי דער כבוד דעמלט פון אויפשטיין פון גרויסן ענגלישן פאַרלאַמענט פאַר די 6000000 קדושים איז געווען דאָס אינסצעניזירטע פון די צוויי גרויסע ענגליש־יידישע שרייבער לכבוד די יידישע שרייבער מאַר־טירער אין סאָוויעט־רוסלאַנד...

## צו אונזער רעזאָלוציע מכח יידיש אין מדינת ישראל *

הערר, בנוגע דעם בריוו פון מר. הארי קאהען* אין „דזשואיש קראָניקל" דעם 21־סטן פעברואַר, 1958, דערלויבט מיר אנצואווייזן, אַז יידיש האָט די זעלביקע שייכות מיט דייטש ווי עס איז דער פאַל מיט נאָרוועגיש, דעניש, שוועדיש, האָלענדיש און ענגליש.

יידיש איז אונזער אייראָפּעאיש לשון, דער מעדיום מיט וועלכן מיר האָבן אויפגענומען אייראָפּע, ווי מיט אונזער ערשטן לשון, עברית, מיר האָבן אויפ־גענומען אַזיען — „ויפתח ה' את פה הארץ". די ערד, אויף וועלכער אַ פאָלק לעבט, ברענגט אַרויס דעם פאָלקלאָר און די לאַנדשאַפטן, די שאַפונגען.

יידיש געהערט צום אָקצידענטאַליש־גערמאַנישן שטאַם ווי העברעאיש צום אָריענטאַליש־אַראַמעאישן. אַן יידיש הערן יידן אויף צו זיין אייראָפּעאישע מענטשן! און דאָס מאָדערנע העברעאיש איז אויף אַזויפיל אַ יידישע שפּראַך פון 20טן יאָרהונדערט אויף וויפל זי האָט אין זיך אויפגענומען נישט בלויז

* דער דאָזיקער בריוו איז געווען אָפּגעדרוקט אין דזשואיש קראָניקל, דעם 28טן פעברואַר, און ר'איז געווען נישט בלויז אַ תשובה דעם באַטרעפנדיקן הערר, נאָר צו די אַלע, וואָס מיינען באמת מיט זייער פראַגע מכח יידיש אין ישראל.

צו די אַלע יהודימשע אַסימילאַטאָרן, וועלכע לאָזן זיך קאָסטן ממש טויזנטער פונטן נאָך איצט, כדי די לעצטע תלמוד־תורות אין יידיש זאָלן פאַרשווינדן פון דער יידישער גאַס, צומאָל אין ווייטשעפּל, און די „זייאָניסטן און היברוס" מכל המינים, וואָס יידיש איז זיי אַ שפּין אין די אויגן — און קומען אַראָפּ קיין ווייטשעפּל צו באַשיינען ישראל־שמחות, מיט היסטערישע „סיען"־און אַ „פּאַטייטאָ" אין האַלז אין זייער ענגאַליש; צו דיאַ צינקער', אָדער פאַרקויפטע נפשות, איז צו הייליק יעדעס יידישע וואָרט צו רעאַגירן דערויף.

די גראַמאַטיקאַלישע דעקלינאַציעס פונם ארכאַאישן לשון־קדוש, נאָר אויך די יידישלעכע באַוועגלעכקייט פון אונזער מאַמע־לשון יידיש.

די שעפערישע סינטעטישקייט פון יידיש איז אונזער אימוניטעט, זי האָט ממש אין זיך די געזעצן פון אַזאַ מין פּרעפּאַראַט... צו קענען לעבן ווי יידן אין אייראָפּע. דאָס געניאַלסטע, וואָס יידן האָבן געשאַפן אין אייראָפּע איז, ממתמא, די יידישע שפּראַך; די שפּראַך גופא, נישט רעדנדיק דאָ פון איר פאָלקלאָר און ליטעראַטור.

אַ ייד, וואָס זיין האָפן איז נישט אונטערצוגיין צווישן די פעלקער אין אייראָפּע און אַז אונזער מדינת ישראל זאָל, חלילה, נישט ווערן אַ מין לעוואַנטיניש לענדל, מוז יידיש פאַר אים זיין אַ יידיש לשון.

ש.

## נחום מינקאָוו ע.ה.

צוזאַמען מיט דער שרייבערישער עדה אין דער יידיש־וועלט באַוויינען מיר דעם אומצייטיקן טויט פון דעם פיינעם וואָרט־קינסטלער, אַנגעזעענעם דיכטער און שרייבער און גייסטרייכן ליטעראַטור־קריטיקער

## נחום ברוך מינקאָוו ז״ל

מיט זיין פיינער, טיפער און איידעלער ליריק, מיט זיינע גרונטיקע ליטעראַרישע אַרבעטן, איז מינקאָוו געשטאַנען יאָרנלאַנג אויף דער מזרח־וואַנט פון דער יידישער ליטעראַטור. זיין טויט איז אַ גרויסע אבידה פאַר אונדז אַלעמען.

יוסף לעפּטוויטש, יעקב י. מייטליס, א. נ. שטענצל.

## לאָנדאָנער קולטור ידיעות

דר. שלמה בירנבוים און יצחק וואַרטסקי ביידע דאָצענטן אין לאָנדאָנער „סקול אָוו אָריענטאַל סטאַדיס", האָבן יעצט דערגרייכט די אַקאַדעמישע עלטער פון עמעריטור. מיר ווינטשן ביידע יידישע געלערנטע אַ סך פּראָדוקטיווע, תורה־לשמה אַרבעט אין דער צוקונפט. זאָלן מאַריך ימים זיין!

• • •

משה שמיר געפינט זיך אין לאָנדאָן מכוח זיין ענגלישע אויסגאַבע פון זיין בוך „מלך בשר ודם". די וועלט קאָנגרעס אָרדנט איין אַ לעבעדיקע־צייטונג־קבלת־פּנים פאַרן חשובן גאַסט.

• • •

דאָס קעסטעלע אַש פונם קדוש שמואל זיגלבוים ווערט איבערגעפירט פון לאָנדאָן קיין ניו־יאָרק. איידער עס ווערט אָפּגעשיקט, טרעפן זיך די חברים פון בונד אין קרעמאַטאָריום גאָלדערס־גרין אָפּצוגעבן דעם לעצטן כבוד.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

שבת, דעם 12־טן אַפּריל — די טראַדיציאָנעלע יאָרצייט פון י. ל. פּרץ.

שבת, דעם 19־טן — לייענען, רעציטירן און זינגען חורבן־ליטעראַטור און זינגען קאַ־צעט־לידער.

שבת, דעם 26־טן — געווידמעט דעם חג־העשור־יום־טוב — 10 יאָר מדינת־ישראל.

דער דוד מאַוושאָוויטש־אַרכיוו, איינער פון די גרעסטע יידישע אַרכיוון אין לאָנדאָן ווערט אַריבער געשיקט צום ייוו״א אין ניו־יאָרק.

• • •

הערש פענסטער קומט אויף אַ באַזוך קיין לאָנדאָן, די גרופּע פרייע אַרבעטער שטימע מאַכט אַ קבלת־פּנים פאַר גאַסט דעם 20סטן אַפּריל אין קאָראָ האָטעל.

• • •

עס זיינען רויס איינציקע יידישע גראַמאַפאָן פּלאַטן מיט לידער פון מרדכי געבערטיק און שמואל ווהייט געזונגען פון סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַדע אַקאָמפּאַנירט פון חיים ליפשיץ.

• • •

היינטיקן חול־מועד פסח קומט פאָר אין ניו־יאָרק די קאָנפערענץ פאַר יידיש־וויסנשאַפט, אין וועלכער עס נעמען אנטייל אַ רייע פּראָמינענטע יידישע וויסנשאַפטלער און געלערנטע. פון לאָנדאָן איז איינגעלאַדן צו דער קאָנפערענץ דר. יעקב מייטליס. זיין טעמע איז די יידישע מעשה אין דער יידישער מוסר־ליטעראַטור.

• • •

אינם אָוונט אין בן־אורי, אויף דער טעמאַ „יידישע סאַטירע און הומאָר" האָבן גערעדט מ. מינדעל און א. נ. שטענצל. געלייענט הומאָרעסקעס פון שלום עליכמען, אַשן און רייזינען האָבן י. ביעסש און נעט רובין. דר. ישראל פעלדמאַן האָט אין זיין „וואָט אָף סענקס" גערעדט איבער דער וויכטיקייט פון אַזעלכע מיני אָוונטן.

• • •

אויף אַן אָוונט לכבוד דר. שאַשקעס אויף זיין דורכרייזע קיין ישראל, איינגעאָרדנט פונם זשורנאַליסטן פעראיין, פון וועלט קאָנגרעס און פריינט פון יידיש לשון, דער חשובער גאַסט נאָך די באַגריסונגען דערציילט פון זיינע „אַוואַנטוריסט־שע" נסיעות. דעם פאָרזיץ האָט געפירט א. מ. קייזער.

• • •

דער אַקטיאָר פון אַרגענטינע מאַקס פּאָלעוואָדע געפינט זיך דאָ איניקע וואָכן אויף אַ באַזוך ביי זיינע קרובים.

• • •

אין יידישן טעאַטער גרעונד פּאַלעי נעמען די סטאַס, פּסחקע בירשטין און ליליען לאַקס גאָר שטאַרק אויס ביים עולם.

• • •

דער טראַדיציאָנעלע פּורים־טאַנץ, וואָס ווערט אַלע יאָר איינגעאָרדנט פון פריינט פון יידיש לשון, מיט מאַסקעס, יידישע טענץ א.א.וו. איז אויך הייאָר אַדורך מיט גרויס דערפאָלג.

• • •

ש. י. האַרענדאָרף איז אויף אַ נסיעה אין בעלגיע און אין פראַנקרייך.

• • •

אין סעמינאַר היינטיקן חודש האָט אהרן ראָלין געהאַלטן זיין צווייטע לעקציע: די עקאָנאָמישע באַזע פון יידן אין ענגלאַנד; מיכאל זילבערבערג זיין צווייטע לעקציע, די משיח באַוועגונגען אין פּוילין — יעקב פראַנק; שלמה אויערבאַך זיין דריטע לעקציע: עפּיק און ליריק אינם תנ״ך; און י. ריכטיקער זיין פערטע לעקציע: דאָס קולטור געשיכטלעכע און היסטאָרישע אינם תנ״ך.

• • •

דער הייאָריקער פסח־קונטרס פונם הרב יהושע שפּעטמאַן, וועלכער איז אויך געווידמעט דעם ה־10 יאָריקן יום העצמאות און 15 יאָריקן וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד, איז זיין דער 20סטער נומער וואָס רבי יהושע שפּעלמאַן שליט״א גיט אַרויס צו די ימים־טובים.

• • •

אינם איצט אויפגעשטעלטן בית־מרכז־רוחני העולמי אין ירושלים, זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן צוויי ספרי ומרות פון דער ווייטשעפּלער נעלסאָן סרי שול.

---

אונזער טיפן מיטלייד צו מר **נייטן ראַבינאָוויטש**, דעם פּרעזידענט פון בית, ציון אין דער איסט־ענד, צום טויט פון זיין ליבע פרוי **חיה פייגע ע.ה.**

פריינט פון יידיש לשון — לשון און לעבן

צום פּלוצלינגן טויט פון אונזער פריינט מר **יהודה בראַונשטיין** ע.ה. דריקן מיר אויס אונזער טיפן מיטלייד צו זיין פרוי **מרים איידל** און זון דר. **פיליפּ בראַונשטיין.**

פריינט פון יידיש לשון

---

מיר ווינטשן אונזערע פריינט **כתריאל** און **רחל בראוער** צו דער בר מצוה פון זייער ליבן זון **מיכאל**, צו דערלעבן פון אים פיל נחת און פרייד.

לשון און לעבן

## לדניאל פרסקי — ליובלו

אף כי לא מצאנו שום סמך וזכר במקרא ובדבריהם ז״ל לחג יום הולדת, מלבד „שם הולדת פרעה״, ויש בזה משום דרכי האמורי — אבל רצון האדם הוא כבודו.

ואני שלמה מצטרף למברכיך — התותך חיים יוסיף לך שנות חיים, בריות גופא ורותא, שתוסיף ביתר שאת לעדור בכרם שפתנו להדרה ולהאדירה.

כחפץ ידידו־אמת **שלמה אוירבך**

---

**מיר בעטן אונזערע אבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַ־מענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

---

**קומט צו די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס**

---

## ביכער פון פאַרלאַג „לשון און לעבן

„ווייטשעפּל לעבט״ (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) 10/-

„שיידוועגן״, אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש 10/-

„ווידערוווּקס״, אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל 12/6

„טעאַטער־קאַראַוואַנען״, פון ש. י. האַרענדאָרף 15/6

„פאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט״, שמואל וואַהייט 7/6

יובל־אַלמאַנאַך 15/-

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:
LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

„די אידישע שטימע״
די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804.

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**
*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*
**IMPORT - - EXPORT**
**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 320) נייַנצנטער יאָרגאַנג מאַי 1958 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאַלט:

„נעשה ונשמע״ (קבלת התורה געדאַנקען), צום פלוצלינגען טויט פון בן־א. סאַכאַטשעווסקי .......... ** 1
בן־א. סאַכאַטשעווסקי, פּאָעט .......... 4
בן־א. סאַכאַטשעווסקי ע״ה .......... ש. י. האַרענדאָרף 5
אויף דעם פרישן קבר פון בן־א. סאַכאַטשעווסקי .......... רחל מירסקי 6
דער בלינדער (דערציילונג) .......... בן־א. סאַכאַטשעווסקי 9
און האָסט מיך פאַרטריבן (ליד) .......... ש. זאַלקין 14
שנת העשור (ליד) .......... עלי זילבערג 14
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (4טער קאַפּיטל: די תורה און אירע מפרשים) .......... י. ריכטיקער 15
א שבועות־רייזעלע, נעשה ונשמע, אין 19׳טן אַפּריל, „גאָט פון אברהם, יצחק און פון יעקב״ .......... א. נ. שטענצל 19
יעקב פרידמאַן — א ישראל דיכטער (אַן אינטימער פּאָרטרעט) .......... מלך ראַוויטש 25
ה. ד. נאָמבערג — דער פוילישער ייִד (צו זיין דרייסיקסטער יאָרצייט) יהודה ביעטש 27
א חשובער גאַסט פון מדינת ישראל .......... מט. 31
מיניאַטור־צייכענונג פון דוד טושינסקי
לאָנדאָנער קולטור ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס .......... 32

**פרייז 2 שילינג**

אבאָנאָמענט־פרייז: —26 שילינג פאַר א יאָר

אין אויסלאַנד: —8 דאָלאַר א יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: —
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*